№ 36 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. | נייגטער יאָהרגאַנג. | פּרייז 20 גראשען | CZĘSTOCHOWER CAJTUNG

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

טשענסטאָכאָווער צייטונג

אַנאָנסען-פּרייז: פאר א מילימעטער שורה
זייט'ן מקסם 40 גראָשען, נאָכ'ן טעקסט 25 גראָשען
אין טעקסט 80 גראָשען.
די ערשטע און לעצטע זייט האלב 8 אַנאָנסען שפּאַלטען.
גאר'ן אינהאלט פון די אַנאָנסען איז די רעד. נישט פאראנטווארטליך.

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. טעלעפאָן 201.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז
א נומער 20 גראָשען.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

Piątek dn. a 5 września 1930 | ליכט-צינדען 5.57 | פרייטאג, פ' תצא י"ב אלול תר"צ

דאס הויפּט-קויהלען-ביורא
אין טשענסטאכאוו איז:
JOACHIM DAWIDOWICZ
II-ga ALEJA 24. TELEFON 70.

וואו עס איז צו בעקומען צום ווינטער די בעסטע קויהלען פון די בעקאנטסטע גרובען: מאָנדרשעיוב, ניוקא, רענארד

צו די ביליגסטע פּרייזען און בעסטע בעדינגונגען.

דעם פערקויף פון אונזערע קויהלען אויף טשענסטאכאָוער פיהרען אויס פאָלגענדע פירמעס:

סאמסאָנאָוויטש, מאסטאָווא 7 טעל. 537 | Juljan Rogowski, | י. מאַיארעק, קאָשטשושקי 4
מ. לאַסקער (נייםאַן) מיראָווסקא 8 | Kilińskiego 2 | פישל קאָרנבערג, אלעע 9

אין די דאָזיגע פירמען בעקומט מען קויהלען צו ביליגע פרייזען און אויף די בעסטע בעדינגונגען.

אונזער פירמע איז פאר די ג' קאָנסומענטען די בעסטע גאראנטיע.

צום ווינטער - סעזאָן 1930-31!
איז דאס פוטער-געשעפט
פון מיכאל איידעלמאַן
פילסודסקי 5 פראָנט, ערשטער שטאָק, טעל. 305
איז פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל פון אלערארט פוטער - סחורות און איינצעלנע פעל, בלאטען.
פוטערינע דאמען און מענער-פעלצען.
אין מיין ערשטקלאסיגע קירזשנער-ווערקשטעל ווערען אויסגע-פערטיגט אלערליי בעשטעלונגען, שנעל רעעל, לויט די נייעסטע מאָדען, אונטער מיין פערזענליכער אויפזיכט.
די ה"ה שניידער און קירזשנער בעקומען א ספּעציעלען ראבאט.

פילסודסקי 9, אין הויף.
יעדער ווייסט, אז די ביליגסטע און רעעלסטע קוועלע פון אלערליי זאָרטען
פוטער
געפונט זיך אין דער לאנגיעהריגער פירמע געברידער
סטרצינגלאָווסקי און בערקאָוויטש
וועלכע איז פערזעהען אויף דעם סעזאן מיט א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע פוטער, ווי: פאקען, ביבערעטען, פלאטינען, אָפּאָסען, סקאָנקסען, פישטשאניקעס, זשרעבאקעס, קאראקולען שווארצע און גרויע בלאטען, חידרעס, ביברעטען, דובלינעס, ווייסע פעל און אנדערע.
עס ווערען אויך אָנגענומען אלערליי קירזשנער-ארבייטען
עס ווערט פערקויפט אין דעטייל צו הורט - פרייזען!
שניידערס און קירזשנער'ס בעקומען עקסטרא ראבאטען!
קומט און איבערציינט אייך!
ביז-יעצט איז דאס דעטאַל-געשעפט געווען אויף פילסודסקי 1 איז יעצט איבערגע-טראגען געווארען אויף פילסודסקי 9 אין הויף.
פילסודסקי 9 אין הויף

צו דער אויפמערקזאמקייט פון די געעהרטע דאמען!
צום קומענדען סעזאָן האָב איך געבראַכט
פון פאריז די נייעסטע מאָדעלען פאר דאמען בעקליידונג
אויף שטאָפען און פוטער פון ערשטקלאסיגע פירמען.
מיט אכטונג:
י. דאנציגער
ערשטע אלעע 6.

בעוואוסטע טאַנץ-שולע פון
מ. לובענסקי
עגזיסטירט פון 1904.
עס ווערען אָנגענומען איינשרייבונגען אויף טאַנץ-לעקציעס ביי מיר אין נייעם לאָקאל פילסודסקי 25.
דיפלאָמירטער טאַנץ-לעהרער מ. לובענסקי
בעמערקונג: יעדען שבת 7 אָוענד קומען פאר פּראַקטישע לעקציעס בלויז פאר מיינע שילער און שי-לערינס.

DAWID INGSTER
BUCHALTER-BILANS.
oraz korespondent polsko-niemiecki
obejmie posadę całodzienną lub na godziny. Adres: Warszawska 33.

Kursy Gimnazjalne
przyjmują zapisy kandydatów(ek). Przygotowuje się na świadectwo z 3-4, 5-6 kl. gimnazjum, do matury, seminarjum i szkół technicznych. Nauka w godz. wiecz. Kancelarja czynna codziennie z wyjątkiem niedziel i świąt od 11—1½ i 5—7 wiecz. Kilińskiego 9, II piętro, prawa ofic. Tamże
Kursy Językowe
(polskiego, niemieckiego, francuskiego).

עס ווערט געזוכט
א יונגעל
פון אנשטענדיגע עלטערן
ביי ש. קרויסקאָפּף, 1-טע אלעע 12.

צאָהן ארצט
ה. לייזעראָוויטש
איז אָבגעפאָהרען נאָך אויסלאנד
און קומט צוריק דעם 1 אָקטאָבער ד. י.

שוין ערשינען דער נומער 8 פון דער
„יודישע טורן-און ספּאָרט - צייטונג"
מיט אקטועלען מאטעריאל פון אלגע-מיינעם און יודישען ספּאָרט-לעבען.
פאָדערט ביי אלע צייטונגס-פערקויפער און אין די באהן-קיאָסקען.

מזל - טוב! צו דער חתונה פון אונזער פריינד מאַלאַמאַן שפּאַלטען מיט פר"ל צעקינא האַסעפּוס ווינשט א גליקליכע צוקונפט און אייביגע צופרידענהייט.
לייביל קאַץ און פרוי

ZJEDNOCZONE
TOWARZYSTWO HANDLOWE
wyrobów
JUTOWO-LNIANYCH
Sp. z ogr. odp.
w CZĘSTOCHOWIE
טיילט מיט די ג' אָבנעהמער, אז פון'ם 15 סעפּטעמבער ד. י. האָבען מיר איבערגעגעבען די פערטרעטונג פון אונזערע אויסארבייטונגען אויף טשענסטאָכאָוו, זאוועשאָביע, אויבערשלעזיען און אומגעגענד דער פירמא
HOROWICZ i NACHEMJA
Częstochowa, Mirowska 8
צו וועלכע מיר בעטען זיך ווענדען מיט אלע בעשטעלונגען און אָנפראגען.

פערווייזענדיג זיך אויף דער אויבּיגער בעקאנטמאכונג, טיילען מיר מיט די ג' אָבנעהמער, אז מיר האָבען איבערגענומען די פערטרעטונג פון דער
פעראייניגטער האנדעלס - געזעלשאפט
פון יוטא און ליינען אויסארבייטונגען
געז. מיט בעגר. האפט. אין טשענסטאָכאָוו
פאר טשענסטאָכאָוו, זאוועשאָביע, אָבערשלעזיען און אומגעגענד און מיר בעטען זיך ווענדען צו אונז מיט איהרע געפ' בעשטעלונגען וועל-כע וועלען דורך אונז אויסגעפיהרט ווערען מיט דער גרעסטער רעעל-קייט און פונקטליכקייט.
מיט אכטונג
האָראָוויטש און נאכעמיא
טשענסטאָכאָוו, מיראָווסקא 8.

Dorce, Ignasiowi oraz całej rodzinie
z powodu przedwczesnej śmierci Ich ojca i męża
B. P.
Majera Wajsbarda
składa wyrazy szczerego współczucia
koleżeństwo łódzkie.

וואך נאטיצען.

דאס פונאנדערלאזען דעם סיים און די נייע וואהלען.

באלד ווי עס איז פערגעקומען די ענדערונג אין דער רעגירונג, און מאר־שאל פילסודסקי האט איבערגענומען דעם אמט פון פרעמיער - מיניסטער, האט מען פערשטאנען אז איצט וועט מוזען ארײַנטרעטען א ענדערונג אויך אין דער לאגע וואס האט געהערשט אזא לאנגע צייט צווישען דער רעגירונג און דעם פארלאמענט.

דער סיים האט זיך געפונען א גע־נוג לאנגע צייט אין א מין - חששות לאגע, נישט וויסענדיג אויב ער עק־זיסטירט אדער נישט, דן קאנפליקטען צווישען דעם „צענטראלעװ" מיט דער רעגירונג האבען זיך מיט יעדען טאג פערשטארקט און ס'איז געווען פער־שטענדליך אז אזא לאגע קען נישט לאנג אנהאלטען.

היינט זיך מאקי ארויס אז אזוי איז דאס, לויט א דעקרעט פון מלוכה־פרעזידענט איז פונאנדערגעלאזט גע־ווארען דער סיים, און די נייע וואה־לען זענען באשטימט געווארען אויף נאוועמבער מאנאט.

און אבער טראץ דעם וואס דאס פונאנדערלאזען דעם סיים איז נישט געקומען פלוצלונג ווייל מען האט גע־זען דעם שוין לאנג פריהער געטראפען, האט דאס אבער פארט ארויסגערופען אין די פאליטישע קרייזען פון לאנד א גרויסען טומעל, ארום וועלכען עס האבען זיך געשאפען די פערשידענסטע שמועות וועגען די פערשי־דענע קאמבינאציעס וואס די פארטייען וועלען קאמבינירען ביי די קומענ־דע סיים-וואהלען.

אבער דאס וויכטיגסטע און דאס וואס מען רעדט שטארק אין די פאלי־טישע קרייזען, איז נאך פאר די וואה־לען זאל דן וואהל-ארדינאציע, דורך א דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט, געענ־דערט ווערען, און די ענדערונגען וועלען זיין אזעלכע וועלכע וואלטען פער־זיכערען דעם נצחון פון דער סאנאציע בעת די וואהלען.

און דארום זאל ווידער געשאפען ווערען איין פערשידענער וואהל-בלאק פון אלע לינקע פארטייען וועלכע גרו־פירען זיך ארום דעם „צענטראלעװ", ווייל מ'וועט שאפען אזא שטארקען פער־אייניגטען בלאק וועט מען זיך קענען אקעגענשטעלען יעדע וואהל-ארדינאציע ווי פערשטעלערס זי זאל נישט ווערען.

בנוגע דער שטעלונג פון די יודען צו די סיים-וואהלען איז נאך קיין קלא־רעס נישט בעוואוסט, וועגען קיין מינ־דערהייטס-בלאק קען קיין רייד נישט זיין, און עס הויבט אן רעדן ווערען דער איינציגער פלאן וועגען שאפען א פערייניגטען יודישען וואהל - בלאק וועלכער זאל ארומנעמען אלע יודישע שיכטען און גרופירונגען, דאס איז אהן ספק דער איינציגער אויסוועג, וועלכער קען בעווייזען דאס געוויסען פון די יודישע בירגער אין פוילען, און מעגליך וועט איצט ביי דער אזוי שווערער פא־ליטישער סיטואציע אין לאנד בכלל, און פון די יודען בפרט, בפרט געלונ־גען אדורכצופיהרען די פעראייניגונג צווישען די יודען, וואס עס איז ביי די פריהערע וואהלען נישט געלונגען.

ארץ-ישראל, און די ערקלערונג פון פראפ. ווייצמאן.

נישט קיין קליינער טומעל קומט אויך פאר אין אונזער יודישער וועלט, און דעם טומעל האט ארויסגערופען די ערקלערונג פון פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פראפ. ווייצ־מאן, וועלכער האט אין זיין עקספאזע אויף דער לעצטער זיצונג פון אק־ציאנס-קאמיטעט און געזען זיך פלוי־צים אבגעזאגט פון דער הויפט-אידעע פון ציוניזם, צו שאפען אין ארץ-ישראל א יודישע מעהרהייט און דעם ענדציעל צו פערוואנדלען דאס לאנד אלס א נאציאנאלע היים פאר'ן יודישען פאלק.

פראפ. ווייצמאן איז מסכים צו שא־פען אין ארץ-ישראל א צווי-נאציא־נאליטעטען - שטאאט פון יודען מיט אראבער, און ער זאגט, אז בכלל דארף דאס יודישע פאלק זיך נישט פערגע־סען מיט קיין אורעטלען, מיט קיין חלומות וועגען א יודישע מלוכה, נאר מען דארף אנערקענען דאס מעהר און דאס שטארקערע פראקטישע בוי-ארבייט אין ארץ-ישראל.

דער ערשטער רושם פון דער ער־קלערונג איז געווען ערשיטערנד און האט אויף די אנוועזענדע און אויס'ן גאנצען יודישען פאלק געמאכט א שרעקליכען איינדרוק, און זיי זענען ענ־טוישט געווארען אין זייער פיהרער. שפעטער האט פראפ. ווייצמאן צוגעגע־בען געוויסע ערקלערונגען וואס האבען עטוואס געלינדערט די ענטטוישונג, אבער די שטימונג איז מיטער א גע־דריקטע און מען קען נישט פערשטעהן וואס ער איז אויסגעגאנגען מיט זיין דאזיגער ערקלערונג, אויסער ווען דאס זאל זיין הויך-פאליטיק...

פראפ. ווייצמאן איז היינטער געבלי־בען דער איינציגער פיהרער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, זיין דעמיסיע איז נישט אנגענומען געווארען, די מעהרהייט האט איהם אויסגעדריקט צוטרוי און דאס יודישע פאלק וועט מיט נאך מעהר ענערגיע און אפפער־וויליגקייט פארזעצען זיין בוי-ארבייט אין ארץ-ישראל מיט דער אונערליכער איבערצייגונג אז עס וועט סוי־סוף צום ענד-ציעל, צו וועלכען עס שטרעבט.

י. פ.

עס ווערט געזוכט א יונגער פון ערענטליכע עלטערן
וואס זאל קענען שרייבען און לעזען.
ערקונדיגען אין רעדאקציע פאר י. מ.

Kwalifikowana ekspedjentka
branży manufakturnej poszukuje
posady. Wiad. w red. dla B.

הרב נחום אש, אבדפ"ק.

מיר טארען די האפנונג נישט פערלירען.

(לשבת נחמתא)

ראו שועל יוצא מבית קדשי הקדשים...

דן אגדה דערצעהלט: רבי עקיבא וחבריו הגיעו להר הבית בירושלים וראו שועל יוצא מבית קדשי הקדשים. היו החברים בוכים ורבי עקיבא משחק. אמרו לו חבריו מדוע אתה משחק? אמר להם: למה אתם בוכים? אמרו לו: ולא נבכה? מקום שכתוב בו והזר הקרב יומת, והרי שועל יוצא מתוכו ועליו נתקיים הפסוק: על הר ציון ששמם שועלים הלכו בו, אמר להם: לכך אני משחק: הרי הוא אומר וגו'. אמרו לו: עקיבא נחמתנו! (סוף מסכת מכות ומדרש איכה).

און דער צייט ווען די לאגע פון יודישען פאלק אין מאנכע פון די גלות-לענדער האט דערגרייכט איהר קולמינאציאנס-פונקט און איז געווארען אונערטרעגליך, אזוי אז א גרויסער טייל פון זיי איז געצוואונגען געווא־רען צו פערלאזען זייער וואוין - ערטער און צו זוכען א נייע היים; ווען דער יוד פלעג'ן מיט'ן פעקעל אויף די פלייצעס און דעם וואנדער-שטעקען און דער וועג איז אויסגעמוסט געשטאנען פאר די טויערן פון אנדערע לענדער מיט דער בקשה די טויערן פאר איהם צו עפענען, צו געבען איהם א שטיקעל מקום-מנוחה— און דער זעלבער צייט האט זיך א לוכטיגער שטראהל בעוויזן פאר אונ־זערע אויגען, באמת ד' איז מיט דער הסכמה פון די וועלט - העררשער ארץ־ישראל אנערקענט געווארען אלס דן נאציאנאלע היים פאר'ן יודישען פאלק. און די טויערן פון אונזער אלטער היים זענען פאר אונז ווידער אויפגע־עפענט געווארען. דער מאנדאט צו פערוואלטען מיט ארץ - ישראל איז דורכ'ן פעלקער - בונד איבערגעגעבען געווארען ענגלאנד, וועלכע האט זיך פייערליך פערפליכטעט מיטצוהעלפען די יודען צו בעזעצען זיך אין הייליגען לאנד און אויפצובויען דארט זייער נאציאנאלע היים.

דאס איבערגעבען דעם מאנדאט ענגלאנד איז געשעהן אויף'ן וואונש און פערלאנג פון די יודען, וועלכע האבען פון אנהייב אן סימפאטיזירט מיט די ענגלענדער און זיי געהאלטען אלס די בעסטע פריינד פון יודישען פאלק.

און באמת איז אזוי געווען: צו יעדער צייט, ווען עס האט נאר ער־גענץ-וואו פאסירט בנוגע יודען אנ־עוולה, איז ענגלאנד געווען דאס לאנד, וואס האט אויף דער בקשה פון די יודען באלד פראטעסטירט, און גאנץ אפט טאקי מיט ערפאלג. צו דעם צוזאמען האט אויך גורם געווען דאס, וואס די ענגלענדער אלס בי־בעל-פריינד און ביבעל-קענער זענען מעהר מסוגל צו פערשטעהן די יודי־שע האפנונגען און ערווארטונגען. די יודען האבען דעריבער אין פולער בעוואוסטזיין אנפערטרויט און אנ־בערגעגעבען אין די הענד פון ענג־לאנד זייער גורל און צוקונפט, אין דער האפנונג, אז ענגלאנד וועט ער־פולען איהרע הבטחות עהרליך און געוויסענהאפט.

און דא איז געשעהן אזעלכעס וואס מען האט מיר האבען אפילו נישט גע־קענט חלום'ען. אבער דער נביא בע־קלאגענדיג דעם חורבן פון ארץ-ישראל און פאראויסזעהענדיג וואס מיט ארץ־ישראל וועט פאסירען אויך אין דער צוקונפט, שרייט ער אויס: קראתי למאהבי-המה רמוני (איכה א'), אין פערלויף פון גרויסען גלות - ווען איז געווען א צייט, ווען איך האב זיך גע־ווענדעט צו מיינע גוטע פריינד און זיך זיי אנפערטרויעט, זיי אבער האבען מיך אבגענארט, בעשווינדעלט און פער־ראטען; זיי האבען מיט מיר געפיהרט „פאליטיק" און בכדי צו געווינען די סימפאטיעס פון די מאכטהאבער און אנדערע, האבען זיי מקרוב געווען דן יודען אין א"י לטובת דן אראבער. אנשטאט צו בעשטראפען דן אראבער פאר די שחיטות, פעגראמען און מער־דערייען, וואס זיי זענען בעגאנגען גע־גען די אונשולדיגע יודען, זענען זיי, דן טרעגער נאר פון די ענגלענדער פרוחילענורט געווארען, און בעשטראפט זענען געווארען די יודען, פאר וועלכע ס'איז אבגעשטעלט געווארען דן מע־טערדינע עליה און עס ווערט געפלאנט צו בעגרענעצען דעם ערד - קויף, און דאס אלץ צוליעב הויך-פאליטיק!

דארפען מיר זיך דערויבער מיאש זיין, פערצווייפעלט ווערען ? נײן, פערקעהרט! דאס דארף ערשט אין אונז ארייננעבען פרישען מוטה און גייסט, אז אונזערע האפנונגען וועלען מיט גאטס הילף דערגרייכט ווערען.

און דאס איז דער זין פון דער אגדה: ראו שועל—אפוקס. שווי גע־רופענער פאליטיקער—יוצא מבית קדשי הקדשים. ראו —ארגקיקענדיג און פרייגראכטענדיג זיך און די מאמרים פון די נביאים וועגען די שפעטערדיגע פעסירונגען און געשע־הענישען בנוגע ארץ-ישראל און בית־המקדש האבען זיך די חברים פון רבי עקיבא אנגעשטויסען אויף דעם נביא'ס ווערטער: על הר ציון ששמם־שועלים הלכו בו: אויף דעם בארג ציון, ד. ה. ארץ - ישראל און בית־המקדש, וואס זענען חרוב געווארען, וועלען זיך דרייען טרומדרעהען פוקסען, שלויע פאליטיקער, פיינט דופלאמא־טען, וועלכע וועלען מיט די יודען, מיט'ן הייליגען לאנד און כותל-המערבי שפילען א געפעהרליכע פאליטיק, און זיי האבען דעריבער ביטער געוויינט. רבי עקיבא אבער האט געלאכט און האט זיי ערקלערט דן סבה פון זיין לאכען. ער האט געזאגט: עס איז פערהאן נאך א צווייטע פראפעזיי־גונג פון נביא (זכרי' ח'), אז ירו־שלים וועט צוריק אויפגעבויט ווערען און די יודען וועלען זיך דארט צוריק בעזעצען; ווען מיר וועלען אלוא קוקען דערצו, דאס די נבואה וועגען די „פא־ליטיקער" וועט מקוים ווערען, וועלען מיר שוין זיין זיכער, אז אויך די צווייטע נבואה וועט פערווירקליכט ווערען.

מיר, וואס האבען דערגרייכט די צייט, וועלכע דער נביא האט פאר־אויסגעזאגט—וראו שועל יוצא מבית קדשי הקדשים, און מיר זעהען מיט אונזערע אויגען, ווי דער „שועל" פיהרט זיין פאליטיק אין ירושלים, דארפען מיר נישט וויינען, נאר צוזאמען מיט רבי עקיבא — לאכען, און דער זי־כערהייט, אז אויך די צווייטע טייל פון דער נבואה וועגען דעם ענדגולטי־גען צוריקקעהר פון די יודען נאך ארץ־ישראל, וועט שוין בקרוב מקוים ווערען.

די חברים פון רבי עקיבא האבען איהם הערצליך געדאנקט פאר זיינע ווערטער און איהם געזאגט: עקיבא, נחמתנו—עקיבא, דו האסט אונז גע־טרייסט! מיר זאגען אויך: ור' ינחמנו!

מיט צער זענען מיר מודיע וועגען טויט פון אונזער פרוי און מוטער

באלטשע ווייערזביצקא נ"ע

אין עלטער פון 60 יאהר.

די לויה איז פארגעקומען מאנטאג, דעם 1 סעפטעמבער (ח' אלול תר"ץ). גלייכצייטיג דריקען מיר אויס אונזער אינניגסטען דאנק די, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אבגעגעבען איהר דעם לעצטען כבוד.

די אין טרויער פערבליבענע
מאן, טאכטער, זוהן, שניר. איידעם, איניקעל און פאמיליע.

אונזער לאנג-יעהריגען מיטגליד ה' שמאל הייערזביצקי צוליעב'ן טויט פון זיין פרוי

נ"ע ביילה

דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.
המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די גבאים, קאמיטעט און מתפללים
פון דער שוהל „אהל יעקב" אלעע 4.

(5

דער פאלשער ברודער.

אינטערעסאנטע היסטארישע ערצעהלונג פון יודישען לעבען אין דייטשלאנד אין 16-טען יאהר-הונדערט, די צייט פון דרייסיג יעהריגען קריעג.

פרײַ פון העברעאישען דורך: י. געלואהן

(פארטזעצונג)

זיסקען האט זיך האסטיג אומגעקוקט און געזעהן זיין בוקס גרייט צום שיסען, און זעהענדיג ווי א מענש ענטלויפט, איז ער איהם שנעל נאכגעלאפען און אויסגעשריען:

שטעה! ווארום אנטלויפסט דו, און מיין קויל האט נאך קיינמאל נישט פערפעהלט דעם ציעל.

דער אנטלויפענדער האט זיך אבער נישט אבגעשטעלט, נאר אלס וועטער געלאפען האט שנעלער, דאמאלס האט זיסקען הויכליך אויסגעשאסען ציעלענ־דיג אין דעם מאן, וועלכער איז מיט־אמאל אומגעפאלען אויף דער ערד.

זיסקען איז צוגעלאפען צום ארט וואו דער מענש איז געלעגען אונבאוועגליך מיט'ן פנים צו דער ערד, און ער איז ערשט פון פערד אראבגעזעצען, און ער האט געזעהן מעהר עס איז דער ערד וואס האט איהם געשטעלט דערשיסען, מיט כח האט ער דעם לי־גענדען אויפגעדרעהט כדי צו קענען זעהען זיין פנים, און די ערשטוינט איז זיסקען געווארען זעהענדיג אז דער מענש לעבט און די קויל האט איהם לגמרי נישט געטראפען, און נאך מעהר ער־שטוינונג האט ביי איהם ארויסגערופען דערקענענדיג אין דעם מענש זיין אמט־לינגען קנעכט, פעטער, וועלכען ער האט, ארייננעגעבען צו דינען און מי־ליטער, און ווען זיסקען איז געווארען פולקאווניק האט ער דעם קנעכט גע־האלטען אלס זיין דיענער.

דו ביזט דאס, פעטער? — האט זי־סקען אויסגעשריען — ווו קומסטו דא אהער ?

דער מענש האט זיך אויפגעשטעלט פון דער ערד, און זיך אהינגעשטעלט אין דער פאזע פון א זעלנער שטעהט פאר זיין עלטסטען.

אבער זאג מיר דאך גיכער טערלעס־נער, פארוואס האסטו צו מיר געשאַ־פען — האט זיסקען שוין געפרעגט מיט כעס — רעד, ווארום איך דער־שיס דיך ווי א הונד.

דער פרעמדער האט זיך ארומגעג־לאפט אויף דער קניע און וויינענדיג געזאגט :

דערבארים זיך איבער מיר, גנעדי־גער הער, איך האב גנישט געקענט פי־מען או דער מענש וועלכען איך האב געהאלט דערשיסען איז מיין הער, פאר וועלכען איך בין גרייט מיין גאנץ לע־בען אהעקצוגעבען, איך וואלט בעסער מיין קאפ געלאזט אבשניידען, איידער עס זאל דיר דאס מינדסטע געשעהן.

זיסקען האט זיך א לענגערע צייט טיעף פערטראכט איבער דער דאזיגער פאסירונג, און דער מענש איז אלס געלעגען אויף דער קניע, דערנאך האט זיסקען איהם געגעבען א צייכען אז ער זאל זיך אויפשטעלען, און צו איהם געזאגט :

טלויב איך גלויב דיר אז דו האסט נישט געוואלט מיך דערהרג'נען, ווייל איך בין זיכער אז דו וואלסט נישט וועלען טאן שום סבה אומברענגען דעם מענש וואס האט דיר אזויפיעל גוטס געטאן, און דיך פיעלמאל און פולי־טער געראטעוועט פון טויט וואס דאס מיליטערישע געריכט האט געהאט אויף דיר בעשטימט, אבער זאג מיר ווי קומסטו דא אהער און דעם טיעפען וואלד ארײַן, פון דיין אויסזעהען קען זיך אויס אז דו דינסט שוין מעהר נישט אין מיליטער, און ביזט א מיט־גליעדער פון א וועלכער ס'איז רויבער־באנדע, טראץ דעם וואס דו טראגסט נאך די זעלנערישע קליידונג.

ניין, מיין הער — האט דער מענש געענטפערט מיט דער גרעסטער אונ־טערטעניגקייט, זייענדיג דאנקבאר פאר דעם שענקען איהם דאס לעבען — איך דיען נאך מעהר אין מיליטער, אונטער דער אנפיהרונג פון פולקאוו־ניק גאלאס, וועלכער געפינט זיך מיט זיין רעגימענט נישט ווייט פון דאנען, נאר איצט בין איך אוועק און וואלד עפיס צו רויבען אדער צו געפינען א וואלד-חיה, און זעהענדיג דיך רייטען נישט וויסענדיג ווער דאס איז האב איך געוואלט דיך הרגנען און צונעמען וואס דו האסט ביי זיך, אבער איך בין גליקליך וואס האט זיך אזוי געמאכט אז מיין קויל האט נישט געטראפען, וואס עס וואלט פאר מיר געווען דאס גרעסטע אומגליק.

אבער וואו געפינט זיך איצט דיין רעגימענט? — האט זיסקען געפרעגט.

נאט, דער הער האסט געהערט וואס עס קומט פאר? — האט דער מענש געענטפערט פערוואונדערט — דו ווייסט נאך נישט אז די הילדע מיליטערישע מחנות וואס זענען צולאזט און פער־ווילדערט געווארען צוליעב דעם לאנג־יעהריגען קריעג, געפינען זיך יעצט און דער אומגעגענד געהענדיג נאך זאקסען, און אויפ'ן וועג רויבען זיי און מערדען ווי ווילדע חיות נלוסט, איך וועלט דיך געראטען שנעל אהיים צו גיהן און פערזעסענען דיין פאלאץ, אז דן ראזבוינער מחבלים וועלען דיר נישט קענען טהון קיין שלעכטס.

אזוי וואלט דאס ?

יא מיין הער, מיר דאכט זיך אז דו ביזט געווען בעפריינדעט מיט'ן פול־קאווניק גאלאס, וואלט געווען מיין עצה אז דו זאלסט זיך ווענדען צו איהם, אז ער זאל דיך שיצען און איבער שנעל אהיים, ווייל יעדע מינוט קענען זיי אנקומען אהער, און דיין לעבען שטעהט אין געפאהר.

זיסקען האט זיך פלוצים זעהר שטארק פערטראכט אויסהערענדיג די ווערטער פון זיין געוועזענעם קנעכט, עס האט אויסגעזעהן אז ער טראגט עפיס א געהיימען פאהלעגונגען פלאן, און דאן האט ער געזאגט:

הער מיך אויס, פעטער, איך האב מיט דיר אדורכצורעדען א חוכמה'דיגע זאך, און אויב דו וועסט זיין גענוג קלוג, קענסטו פערדינען פיעל געלד, פיעלפאך מעהר ווי דו וועלסט געהאט פון דיין קויל זאל מיך דערהרג'נען.

איך בין אויף אלעם גרייט, מיין הער, האט דער מענש געענטפערט און ווייניג אויגען האבען געפינקעלט ווי ביי א הילדער חיה — נישט בלויז איך אליין, נאר אויב עס וועט נויטיג זיין וועל איך אהערשטעלען עטליכע פון מיינע בעסטע פריינד וואס זענען פאר געלד אויף אלעם פעהיג.

(פארז. קומט)

מנחם ליפשיץ

דער נוסח פון „בן מלך".

(נאך דער צוויטער וועלט-קאנפערענץ פון די ראדיקאלע ציוניסטען).

— III —

(סוף).

דער נוסח איז גוט בעקאנט אויף די ערטער, בפני כל עם ועדה האט ער זיך בעוויזען אין זיין גאנצער פראכט אויף דער 9-טער ציוניסטישער לאנדעס-קאנפערענץ אין פוילען בשעת די וואהלען פון פרעזידיום. און די געפלונגלטע אויסרופען אויף דער קאנ-פערענץ צו די וואס זענען נישט קיין רעוויזיאניסטען.

בשעת די פאריאהריגע טרויעריגע אויגוסט-געשעהענישען אין ארץ-ישראל זענען דאך איבעראל איינגעארדענט געווארען גרויסע טרויער-מיטינגען, אויף וועלכע עס איז ארויסגעזאגט געווארען אונזער פערביטערטקייט נעגען די ארא-בישע מערדער און זייערע פראטעק-טארען. אין וועלכער צייט איז אויך איינ-געארדענט געווארען אזא טרויער-מי-טינג אין ציריך. אויף דעם מיטינג איז ארויסגעטרעטען מיט א רעדע ה' נחום סאקאלאוו און דער פראפעסאר פון ציריכער אוניווערזיטעט דר. לוד-וויג קעללער, וועלכער האט געזאלט זיין בעקאנט אין ציריך אלס יודען-פריינד און סימפאטיקער פון ציוניזם. האט אבער דער פראפעסאר אין זיין רעדע אויף דעם טרויער-מיטינג, וואס איז איינגעארדענט געווארען אין שייכות מיט די ארץ-ישראל געשעהענישען, אז אין די אונרוהען זענען געפאלען אומ-שולדיגע קרבנות פון ביידע צדדים, הן פון די יודען און הן פון די אראבער און אז מיר דארפען בויגען די קעפ אין טרויער פאר ביידע צדדים". פער-שטעהט זיך, אז ה' נ. סאקאלאוו איז געווארען פון דער טרויער-זאגער מי-טינג זעהר אויפגערעגט. ער האט דעם פראפעסאר שארף אנגעענטפערט. דער פראפעסאר האט זיך נעט חלט געטרא-פען און האט ביי דער ערשטער גע-לעגענהייט—טאקי אין א הספד-ארטי-קעל לזכר א יודישען געלעהרטען אין ארץ-ישראל, וואס האט זיך זעהר גוט בעצויגען צו די אראבער און איז טאקי אין ירושלים געהרג'ט געווארען דורך אראבער—אין דעם ארטיקעל גרייפט ער אן דעם ציוניזם און רוקט נעגען איהם ארויס די אלע ארגומענטען פון אונזערע ענגלישע פיינד. דער רעווי-זיאניסט, דער קארעספאנדענט פון דעם רעוויזיאניסטישען „נייעם היינט", א תלמיד פון דעם פראפעסאר האט זיך אהעקגעלאזט צו זיין לעהרער מיט א חיזוק, כדי איהם צו געבען די נעהע-רונג אינפארמאציעס, און ער איז מודיע דער עפענטליכקייט וואס ער האט דעם פראפעסאר געזאגט: „ה' פראפעסאר, איך האב דעם איינדרוק, אז איהר זענט שטארק פעראיבעלט אויף נ. סאקאלאוו'ן". ווייזט אויס, אז דער פראפעסאר איז טאקע געווען זעהר אויפגעבראכט און זיין תלמיד, איינער פון אונזערע „קלוגע, שטאלצע אולטרא-רעוויזיאניסטישע יודענשטאאט-לער" קלערט נישט אויף דעם פראפע-סאר זיין פאלשען „טעות", וואס ער איז בעגאנגען מיט זיין פראזע און וועלכער ער האט פארגעלעגט אויף דעם מיטינג צו בויגען די קעפ און טרויער צוזאמען פאר די יודען וואס זענען געפאלען זיך פערטיידיגענד און פאר די מערדער - אראבער וואס זע-נען געפאלען דורך די זיך פערטיידי-גענדע יודען, נאר ער דערצעהלט „און איך טרייסט איהם, אז נ. סאקאלאוו איז נאכגעשט דער גאנצער ציוניזם", וואס הייסט דאס? אפשר איז „ברית-שלום" און דע-האן אויך ציוניזם? דער רעוויזיאניסט דערצעהלט נאך ווייטער זיינע „אויפטוהען" ביים פרא-פעסאר „און אויך רעד איך איהם איין,(!!) אז ער זאל זיך נישט נעמען אזוי צום הארצען די נישט-געלונגענע און אפילו „אונטאקטישע" בעמערקונג פון דעם אלטען „פיהרער". דערביי רופט נאך דער מחבר אויס מיט א טון טריומף „און מען זאגט נאך, אז די רעוויזיא-ניסטען זענען טאקטלאז!". דאס ווארט „פיהרער" אין בעצוג צו ה' נ. סאקא-לאוו איז דורך דעם חשוב'ן רעוויזיא-ניסט אויך פערזעהען מיט גענזען-פיס-לעך. דער מאמר איבער דעם „יודען-פריינד" הייסט „מיר האבען פערלוירען א פריינד".

* * *

ז. זשאבאטינסקי חלום'ט זעהר שטארק וועגען ריטערליכקייט, וועגען דעם נוסח פון בן-מלך. ער וויל האבען ריטערלי-כע ציוניסטען פון צייט צו צייט שרייבט ער אויך ארטיקלען וואס זאלען בע-ווייזען ווי אזוי מען דארף זיין ריטער-ליך. איבערהויפט וויל ער אין דעם נאמען דערציהען זיינע חברים - רעווי-זיאניסטען. ער וויל אז זיי זאלען דאס זיך איינגעוואוינען דעם נוסח פון בן-מלך. די רעוויזיאניסטען נישט נאר אין פוי-לען איינגענען זיך איין דעם נוסח, נאר אויף א אינטערנאציאנאלער ארט...

חסידישע פאלקס - לעגענדעס שיחות-חולין און גלייכווערטלעך.

— V —

א שאלה אויפ'ן צימעס.

אין ווילנא האט געוואוינט א ארע-מער שניידער, חיים'ל האט מען איהם גערופען, דאס איז געווען א שניידער פון קלענערן סארט, ער האט נישט געהאט קיין חיבה'דיגע ארבייט נאר אלטע אויסצולאטען, און פערדינט האט ער זעהר ווייניג, קוים אויף טרוי-קען ברויט פאר זיין פאמיליע.

האט טאקי חיים'ל שניידער געלעבט מיט זיין פאמיליע א גאנצע וואך אין דחקות און נויט, זיך בעגנוגען געלאזט מיט טרוקען ברויט און קארטאפעל מיט זאלץ, דערפאר אבער פלעגט זיין ווייב מלכה איינגרייטען שבת אזוי ווי די גרעסטע נגידים, אויף שבת איז פאר איהר קיין זאך נישט צו טייער געווען, און זי פלעגט אנגרייטען די בעסטע מאכלים, און פון אלע שבת'דיגע מאכלים איז ביי איהר געווען דאס וויכטיגסטע מאכל דאס צימעס וואס זי האט געגעבען צום טיש פרייטאג-צו-נאכטס צום סוף פון דער סעודה.

און חיים'ל מיט זיין ווייב מלכה הא-בען געגלויבט באמונה שלימה אז אין מאכלות פון שבת העלפט זיי דער אויבערשטער, און זיי האבען זיך וואס מעהר בעמיהט דעם שבת צו פייערן מיט די פיינסטע מאכלים, און אובער-הויפט האט מלכה זיך בעמיהט דאס צימעס צו מאכען וואס געשמאקער און בעסעם'ער.

איינמאל פרייטאג - צו - נאכטס איז חיים'ל געזעסען אויבענאן ביים געדעק-טען טיש, ארום זענען געזעסען זיינע קינדער און די צוויי יונגלעך וואס הא-בען ביי איהם געארבייט, אויפ'ן טיש זענען געשטאנען אנגעשטעלט די שבת'די-גע מאכלים; שעהנע חלות, געפילטע פיש און פלייש, די גאנצע פאמיליע האט געפיהלט ווי דער שבת'דיגער מלאך האלט מיט די סעודה, און זיי-ערע פנים'ער האבען געשיינט פאר שמחה.

מען האט רוהיג און צופרידען אויפ-געגעסען די גאנצע סעודה ביז נאכ'ן פלייש, איצט איז געק מען די צייט פון ארײַנגעבען דאס חשובסטע מאכל — דאס צימעס.

מלכה איז אוועק אין קיך נאכ'ן צי-מעס, חיים'ל האט דערווייל געזונגען זמירות, און זיינע קינדער מיט די לערן-יונגלעך האבען אונטערגעהאלפען זיין זינגען, ווייענדיג זיך מכוון צו עסען דאס ליעבסטע מאכל דאס צימעס וואס מלכה וועט באלד דערלאנגען צום טיש.

עס האט אבער געדויערט א לענגע-רע צייט און מלכה איז נישט געקו-מען מיט'ן צימעס, וואס עס האט זיי בעאונרוהיגט, דאס זמירות האבען זיי שוין געהאט אויסגעזונגען אינגאנצען, מלכה'ן מיט'ן צימעס זעהט מען אלץ נישט.

חיים'ל איז געווארען אונרוהיג, ער האט געוואלט ארײַנגעהן זעהען וואס דאס איז, אבער גראד איז מלכה ארײַנ-געקומען, איהר פנים איז געווען בלייך ווי ביי א מת, און פון איהרע אויגען האבען גערונען טרעהרען.

וואס איז געשעהען מלכה'לע? — האט חיים'ל געפרעגט דערשראקען.

א אומגליק האט געטראפען — האט מלכה ווייענדיג געענטפערט — עס איז א שאלה אויפ'ן צימעס.

וואס? ווי אזוי?

ס'איז דערנעבען אויף דער קיך גע-שטאנען א מילכיג טעפיל, און דאס מעסער איז ארײַנגעפאלען אין צימעס.

אלע זענען געווארען טרויריג, און חיים'ל האט זיך אנגערופען:

מילא ס'איז נישטא קיין עצה, זאל איינער פון די לערן-יונגלעך געהן צום רב פרעגען א שאלה.

דאס יונגעל איז אוועק צום רב. אלע זענען געזעסען ווי אויף הייסע קוילען, און ווען ער האט זיך צו לאנג פער-זוימט האבען זיי געמיינט אז ס'איז שוין אוועק א שעה זינט ער איז גע-גאנגען, באלד האט זיך חיים'ל דער-מאנט אז נישט ווייט פון זיי וואוינט דער גאון ר' אליהו (דער ווילנער גאון), און ער האט געשיקט דעם צווייטען יונגעל פרעגען די שאלה צו ר' אליה'ן.

אין עטליכע מינוט זענען ביידע יונ-גלעך צוריקגעקומען און געזאגט:

דער רב האט מכשיר געווען.

ר' אליהו האט געזאגט אז ס'איז טריפה.

ס'איז ענטשטאנען א מהומה, זיי האבען נישט געוואוסט וועמען צו פאלגען, און חיים'ל שניידער איז אוועק צום רב און געזאגט:

רבי, איהר האט מכשיר געווען דאס צימעס, און ר' אליהו האט געזאגט אז ס'איז טריפה, וואס זאל איך טהון.

דער רב ר' שאולקע איז געווען א גרויסער גאון און א תקיף בדעתו האט ער געזאגט צו חיים'לען:

געה אהיים, באלד וועל איך מיט ר' אליהו'ן קומען צו דיר עסען פון דעם צימעס.

חיים'ל איז געווארען דערשראקען, א קלייניגקייט דער רב מיט'ן גאון ר' אליהו וועלען קומען צו איהם עסען צימעס, באלד האבען זיך מענשען פון דעם דערוואוסט און חיים'ל שניידער'ס שטיבעל איז פול געווען מיט מענשען וואס האבען געוואלט זעהן אזא וועל-טעגע זאך.

דער רב איז אוועק צו ר' אליהו'ן און פון איהם פערלאנגט אז ער זאל מיט איהם מיטגעהן צום שניידער עסען פון דעם צימעס וואס ער אליהו האט טריפה געמאכט, כדי צו ווייזען אז דער רב איז גערעכט.

ר' אליהו האט נישט מסרב געווען, אודאי זענט איהר „מרא דאתרא", און ווי איהר פסקנ'ט אזוי מוז זיין, און ביי-דע די גרעסטע גאונים פון ווילנא זע-נען אוועק צום ארעמען שניידער עסען צימעס.

דאס שטיבעל איז געווען פול מענ-שען, און דער רב האט געזאגט צו מלכה:

גיט ארײַן דאס טעפער און איך מיט ר' אליהו'ן וועלען עסען.

מלכה האט שוין געהאט צוגעגרייט א פסח'דיגען שעהנעם טעלער, וואס זי האט ארויסגענומען פון יום-טוב'דיגען געפעס, פאר די חשוב'ע געסט, און זי האט ארײַנגעבראכט דעם טעלער מיט'ן צימעס צום טיש, וואס עס האט פערשמעקט די גאנצע שטוב.

ביים טיש זענען געזעסען דער רב מיט ר' אליהו'ן. אבער ווי מלכה איז צוגעקומען צום טיש איז פלוצים אום-געפאלען איינער פון די מעשענע לייכ-טער און דאס חלב'ענע ליכט איז ארײַנגעפאלען אין טעלער צימעס...

אלע וואס זענען געווען אין שטוב זענען זעהר דערשראקען געווארען און דער רב האט געזאגט צום גאון:

איך בויג דעם קאפ פאר דיר, פון הימעל האט מען אויסגעוויזען אז דו ביזט גערעכט...

א. ווײַלער.

(רשומות.)

ביי הארץ-ליידען און אדערן-פער-קאלקונג, נייגונג צו געהירן-בלוטונגען און שלאג-אנפאלען איז דאס נאטירליכע ביטער-וואסער Franciszka Józefa א וויכטיגער לייכטער שטוהל-גאנג, אהן אנשטרענגונג.

וואס געהערט, וואס געזעהן

עס האבען זיך געענדיגט די וואַ-קאציעס, די קינדער, וועלכע האבען גאנצע 2 חדשים פערבראכט אויף דער פרייער לופט אהן עול פון מיכען די לעקציעס זענען שוין די וואך צוריק אוועק אין די שולען.

די קינדער נעמען זיך ווידער צום לערנען, צו בילדונג, אז זיי זאלען קע-נען זיין מענשען און פערשטעהן דאס לעבען און זיינע בעדערפענישען.

מע געהט געזונטערהייט קינדערלעך אין די שולען אריין, נעמט דאס גוטע און איידעלע און זעהט אז די וועלט וואס איז היינט פערדארבען און געמיין זאל בעסער ווערען.

איצט א פאר ווערטער צו די

לעהרער

איבערהויפט מיין איך די לעהרער, וועלכע לערנען מיט די יודישע קינ-דער, אויף אייך יודישע לעהרער ליגט א געוואלדיגע אחריות פאר'ן צוקונפ-טיגען דור, וואס איהר וועט איהם ער-ציהען, ווארום איהר זענט די גייסטי-גע פאטערס פון די קינדער, וועלכע איהר ערציהט.

דערווייל איז דאס היינטיגע דור לײַדער זעהר נישט קיין געראטענס, איך ווייס נישט ווער עס איז שולדיג דערין, אפשר זענען די בעדינגונגען אין וועלכע מיר לעבען שולדיג, ווא-רום דאס לעבען איז א שטרענגער לעהרער און דערפאר טאקי דארפט איהר נאך מעהר לייגען אכט, אז דער צוקונפטיגער דור זאל נישט ווערען אנגעשטעקט פון אט די דאזיגע „בע-דינגונגען" און זיין געזונטע מענשען און גאנצע יודען.

גאנץ בעזונדערס דארפען דאס גע-דענקען די לעהרער פון די פאלקס-שולען, ווארט וואו די לעהרער זע-נען נישט מאטעריעל אנגעוויזען פון די קינדער גופא, דארף מען זיין נאך מעהר פארזיכטיג.

זאל מיר זיין דערלויבט צו זאגען אפען און פריי, אז עס איז דא א גרונד צו פערדעכטען אז איהר בעציהט זיך אפשר נישט מיט דער גאנצער ערנס-טקייט צו אייערע אויפגאבען, נישט איך בעשולדיג אייך, אז איהר טהוט עס בכוונה, נאר עס ליגט שוין לײַדער אין דער פסיכאלאגיע, אז אין דער זאך וואס מען האט נישט קיין בעזונ-דערן פריוואטען אינטערעס מהיות טען עס נאר אבי יוצא צו זיין.

נעמט מיר נישט פאר איבעל, איך בין נישט אויפען אייך צו מאכען קיין בעשולדיגונג, איך מאך נאר די בע-מערקונג וואס האט א וויכטיגע בעדײַ-טונג פאר אונזער צוקונפטיגען דור.

אין דער פאלקסכנער שולע לערנען די קינדער פון די ברייטע מאסען, אויף וועלכע עס שטיצט זיך די גאנצע צוקונפט, דאן ליעבע ברודער און שוועסטער לעהרערס, איהר זענט דאך מיטגלידער פון אונזער גרויסער יודי-שער משפחה, העלפט מיט מיט אייע-רע כחות, זאל ביי אייך זיין א ציל צו ערציהען גייסטיג אונזער צוקונפט, אונזערע יודישע קינדערלעך.

השיבינו כאזאר.

צוזאמען מיט'ן אנהויב פון שול-יאהר, קעהרען זיך אויך צוריק פון די דאטשעס און קור-ארטען דאס בוסעל לעטניקעס און קור - מענשעלעך אין שטאדט ארײַן.

ווען מען געהט טרויט און גאס זעהט מען אבגעגרענטע שוין לאנג נישט געזעהענע פנים'ער, וועלכע שטיכ-לען צו דור און אין זייערע אויגען לויט דער אויסדרוק פון רחמנות, אזוי ווי זיי העלפען געזאגט: אט וועהספו געפאהרען אויף דאטשע, זיך בעפרייט פון מאג מעגליכען הארמידער און אט זענען מיר צוריק.

וואס אנבעלאנגט אין מיר נעמט מיך נישט אזוי שטארק אן אבער דאס רח-מנות, עס איז מיר מעהר רחמנות אויף זיך אליין, וואס כ'האב אבגע-שוויצט א גאנצען זומער און שטאדט און אפילו נישט געהאט די מעגליכ-קייט אביסעל זיך אבצורוהען.

וועמען פון אונז ביידע עס איז בע-סער ווייס איך נישט, אבער קיין גרויס רחמנות האב איך נישט...

דערווייל זענען די חברה צוריקגע-קומען און נעמען זיך צו זייער טאג-טעגליכער ארבייט, צווישען די צוריק-געקומענע זענען אויך פערהאנען אונ-זערע מיוחס'דיגע שניידער, וועלכע האבען בעזוכט אויסלאנד און גע-בראכט די נייעסטע מאדעלען.

סיי ווי חייבט זיך אן צוריק דאס גארטפעלע לעבען.

פתקא מן שמיא (דער בריעף פון הימעל).

א בריעף פון הימעל האט זיך בע-וויזען אויף דער וואנד פון נערער שפי-געל, אויף טארגאווע 13.

די מעשה שטעלט זיך פאר אזוי:

אין דעם דערמאנטען שטיבעל איז לאנגע יאהרען געווען גבאי ר' זיינוויל ר—ן, וועלכער האט געפיהרט דעם נבאות ביד חזקה און דערביי איז ער געווען א מוג טוב א דעמאקראט אין פולען זין פון ווארט.

איהם, דעם גבאי האט נישט גע-ארט, וואס אין שטיבעל האבען געדא-ווענט יונגעלייט מיט קעלנערלעך, פראסטע עולמ'ע, וואס זייערע ווייבער געהן אין די האר רחמנא לצלן, אלע האבען בעקומען עליות און געמענט דאווענען פאר'ן עמוד.

ויהי היום, איז דער גבאי קראנק געווארען און מען האט איהם געפיהרט קיין קראקא אויף א אפעראציע, אין דער גאנצער צייט פון די קראנקהייט האט קיינער נישט געהאט די דרייסט-קייט פוגע בכבוד צו זיין אין די פער-ארדנונגען פון גבאי, וואנאר די שטילע מחלוקה, וואס עס האט זיך געפיהרט צווישען צוויי בעלי תפילות האט מען עס אפען נישט ארויסגעוויזען.

ווערט מען אבער געוואויר אז דער גבאי איז ערנסט קראנק און אז אזוי שנעל וועט ער נישט קאנען צוריקקו-מען, האבען די חברה אויפגעהויבען די קעפ און דאס אלעס וואס מען האט נישט געטארט צו טהון אין די גאנצע צייט פון ר' זיינוויל'ס ממשלה, האט איצט אויסגעבראכען מיט דער גאנצער קראפט.

קודם כל האט זיך געשטעלט א צד וואס וויל אז דער בעל תפלה זאל דא-ווענען און נישט דער צווייטער, דאן פערערט מען פון די מתפללים, אז זיי זאלען געבען געלד אויף משקה, וואס איז געווען אין דער צייט פון אלטען גבאי שטרענג פערבאטען און ועל כולם איז צוגעקומען דאס כתב אויף דער וואנד, אונטערגעשריבען „פתקא שמיא".

פרייטאג צו-נאכטס, ווען דער עולם איז געקומען צום דאווענען האט זיך אויף דער וואנד געפונען פאלגענדער אויפרוף:

אלע מתפללים וואס זייערע ווייבער געהען און די האר טארען נישט ארײַנ-קומען אין שטיבעל, זיי וועלען נישט בעקומען קיין עליות און וועלען נישט צוגעלאזען ווערען צום עמוד.

דער אויפרוף איז פערזעהען מיט פסוקים פון זוהר און מאמרי חז"ל און איז אונטערגעשריבען מיט דער חתימה „פתקא מן שמיא".

לצנים זאגען אפילו אז דאס איז די מלאכה פון א געוויסען ד. וו. וועלכער האט עס געטהון צוליעב... אבער צו-וואס רעדען רכילות, איך ניץ איין נאר איבער א פאקט, וואס איז כאראק-טעריסטיש און וואס פאסט אין דער איצטיגער צייט.

שמענדריקעס.

ווי לאנג נאך וועט מען ביי אונז מאלפעווען און זיך וועלען פערשטעלען פאר אומשטיינס געזאגט אנטעליגענ-טען.

איך האב איין איבערצוגעבען אסך אזעלכע בילדעלעך פון אונזער אום-שטיינס געזאגט אינטעליגענץ, וואס מאכען זיך לעכערליך מיט זייער טאל-פעהן, ווייל וויל איך נאר אויפמערק-זאם מאכען אויף א קליינעם פאקט וואס איז זעהר כאראקטעריסטיש.

ביי דער היגער פאמיליע ח—ן איז פאראיאהרען געשעהן א אומגליק, עס איז ביי זיי געשטארבען א דערוואקסע-נע טאכטער, וואס האט ארויסגערופען א גרויסען טרויער ביי די אלע, וועל-כע האבען זי געקענט.

הײַ-יאהר איז אויסגעפאלען די יאהר-צייט, האבען די עלטערן, וועלכע זע-נען זעהר יודישע מענשען געגעבען א מודעה, אז די ענטהילונג פון דער מצבה וועט פארקומען דעם און דעם טאג, צו וועלכער עס ווערען געבעטען פריינד און בעקאנטע. די דאזיגע מודעה איז געגעבען געווארען נאר אין א פוילישע צייטונג.

די פריינד און בעקאנטע, וועלכע האבען געוואלט אנטייל נעמען, האבען זעלבסטפערשטענדליך וועגען דעם נישט געוואוסט, איז דאך די קשיא: פארוואס האט מען עס נישט געגעבען אין דער יודישער צייטונג, אוז דער תירוץ: שמענדריקעס, אין א יודישע צייטונג, איז א חילול מען וועט זיך דאך נישט מיאוס מאכען. אין א פוילישע צייטונג

א אינטערעסאנטער אויספלוג.

אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז עס געווען דער לעצטער אויספלוג פון היַיריגען סעזאָן, וואָס דן יודישע געזעלשאַפט פאר לאנדקענטעניש האט איינגעארדענט דעם לעצטען זונטאג.

דערפאר איז עס אָבער געווען איינער פון די געלונגענסטע אויספלוגען וואס זענען פארגעקומען אין משך פון דער גאנצער צייט — און דערונבער חיל איך פערציילען עטליכע פרטים פון דעם באמת זעהר אינטערעסאנטען אויספלוג.

דער מארשרוט איז געווען בעשטימט טשענסטאכאוו—דזיאלאשין.

זונטאג פונקטליך 6 אזייגער פריה איז דער עולם פון לערך 30 פערזאן בלויז הײַמישע געווען פערזאמעלט בײַם לאקאל פון דער יודישער געזעלשאפט פאר לאנדקענטעניש און געווארט אויפ'ן

יודישען אויטאמאביל

לעולם איז עס געווען א אמת'ער סטא אויטא, וואס קורסירט צווישען טשענסטאכאוו—לאדז, נאר היות אז דער אויטא איז נאך א נייער איז געווען א מחיה אויף איהם צו פאהרען. אנגעפיהרט האט מיט דעם אויטא דער געניטער שאפער פון די טשערטקאוו אויטאבוסען ה' טשעקאק, וועלכער האט זיין עבודה אויסגעפיהרט בשלימות, און מיר האבען זיך גאנץ ווייכער אונטער זיין אנפיהרונג.

פונקטליך 7 אזייגער זענען מיר ארויסגעפאהרען און א האלבע שעה שפעטער זענען מיר איינגעגרונע אנגעקומען אין דעם ערשטען שטעטעל

קלאבוצק

וואו מיר האבען געטרונקען טהע מיט נאך עפעס און שפעטער זיך געלאזט אנקוקען דאס שטעדטעל, נאר אויסער דן בריק מיט דער ניער באהן ליניע איז גאר נישטא וואס צו זעהען, קלאבוצק איז טרוקען. און מיר האבען זיך באלד לויט די פעראָרדנונג פון אונזער פיהרער פרעזעס ה' לײַזעראוויטש חוי-דער אײַנגעזעצט אין אויטא און אנגעקומען קיין

בושעזשניצע

וואו דאס גאנצע שטעדטעל איז ארויס אונז מקבל פנים זיין און באלד האט זיך געפונען צו מיר א בושעזשניצער יוד, א לעזער פון אונזער צייטונג און אונז אנגעוויזען דן מערקווירדיגקייטען פון זייער שטעדטיל.

בושעזשניצע פערמאגט אנ'ערך 70 פאמיליעס יודען, וועלבע וואוינען דארט זייט 100 יאהר. דאס בית-עולם איז אלט 70 יאהר. אויך פערמאגען זיי א שוהל, וועלכע האט א פערנאכלעסיגטען אויסזעהען.

ווי בעוואוסט זענען בעת דער מלחמה און ווייטער געווען פארגעקומען קאמפען, איז די מזרח-וואנד פון דער שוהל בעשעדיגט געווארען פון פולמיאטען און עס האט נעדארפט, אז די שוהל זאל ווערען א תנאי הנגד זאגען פון די יודען זענען נאך נישט איבערגעקומען און נאך שיקען זיי צו פאררופען ... דעם ... דאס און ... א ... עס פאר ... גאנץ זיך ... דאס יאהר אין ... האט זיי... און ...

מאנג זאל אײַנפאלען, האט מען זי צוזאמענגעצויגען מיט אײַזערנע שטאנגען און די לעכער פערקלעבט, נאר סמנים זענען נאך פערבליבען. און דער שוהל איז קיין בעזונדער'ס נישט פערהאן. אויך דן מקוה שטעהט חרוב פון היינטיגע און וועהט אויס ווי א מקוה אין דן נאר פאלטע צײַטען און א קלײַן שטעדטיל.

קיין ארגאניזאציעס זענען דארט איינגאנצען נישט פערהאן. יודען בעשעפטיגען זיך מיט מלאכה און איבערהויפט מיט האנדלען און די דערפער.

די יודען שטאלצירען מיט זייער בית-המדרש, וועלכעס עס האט געגרינדעט ר' יעקעלע בער, געוועזענער קלאבוצקער רב.

אונטער דער בעגלייטונג פון כמעט דאס גאנצע שטעדטיל פערזאמעלטע פאהרען מיר קיין

פאיענטשנע

אויך דארט האט אונז מקבל-פנים געווען דאס „שטעדטיל", עס האבען זיך געפונען בעקאנטע, וועלכע האבען אונז געוויזען און דערצעהלט וועגען זייער שטעדט.

פאיענטשנע האט אין דער מלחמה-צייט געשפילט א גרויסע ראלע, דארט האט דער רוסישער גענעראל-שטאב געהאט עטליכע חדשים צייט זיין קווארטיר.

פאיענטשנא פערמאגט א 120 יודישע פאמיליעס, וועלכע האנדלען, ארבייטען, אָבער קיין פרנסה איז נישטא.

מיר האבען אויך בעזוכט די שוהל, דאס בית-המדרש, נאר קיין אינטערעסאנטעס איז נישט פערהאן.

צופעליג האבען מיר געטראפען א חדר און אין א געשפרעך מיט דעם מלמד האט זיך ארויסגעוויזען, אז אין גאנץ פאיענטשנע זענען פערהאן 2 חדרים און וועלכע עס לערנען איבער 50 קינדער. די איבריגע קינדער בעזוכען א טייל די פאלקסשולע נור טטעהרסטען קינדער וואלגערען זיך אין די גאסען און גרייטען זיך צוצוהעלפען די עלטערן אין זייער לחיות געהן.

מיר בעזוכען נאך די ציוניסטישע ארגאניזאציע, וועלבע פערמאגט אנ'ערך 60 מיטגלידער און מיר ועצען זיך צוריק ארויף אויפ'ן אויטא וועלכער פיהרט אונז אין שטעדטיל פון אונזער אײַנגענליכען ציעל, קיין

דזיאלאשין

דזיאלאשין איז אנ'אלטע יודישע שטאדט וואס האט געה'ט מיט איהרע גרויסע רבנים און יודישקייט, היינט איז דערפון קיין זכר נישטא.

די דזיאלאשינער יודישע בעפעלקערונג איז שטארק דעמאראליזירט און האט א שם. לויט ווי די דזיאלאשינער אלטע דערציילען וואר זעהר שלעכטע און נישט קיין גאנץ פײַנע לײַט, כמעט אומעטום זענען פערהאנען אויסנאהמען, נאר דער שלעכטטײַנער אײַנדרוק איז זעהר א שלעכטער.

דאס אײַנציגע וואס איז געבליבען איז די אלטע היסטארישע

שוהל

וואס שטעהט שוין עטליכע הונדערט יאהר און שמ'ט אלס די עלטסטע און מערקווירדיגסטע שוהל אין פוילען.

די שוהל איז ארומגעצוימט מיט א פלויט. דער הויף איז א גרויסער.

אויף דער מזרח-וואנד פון דרויסען זענען פערהאן פערשידענע געמאלעכצער און עס איז אויסגעקריצט דאס יאהר תקס"ו, ד. ה. אז מיט 124 יאהר צוריק האט מען די שוהל אויסגעפוצט.

אין פאליש פון דער שוהל זענען פערהאנען אלטע סמנים פון דער אזוי-גערופענער „קונה", אויך איז פערהאן א ברונעם מיט וואסער.

די מחנר פון דער שוהל איז פערזעהען מיט א גרויס שלאס עהנליך צום שלאס פון דער טשענסטאכאווער שוהל.

באלד בײַם אײַנגאנג איז אין דער פאטערינע פערהאנען א פושקעלע, וואו מען האט אײַנגעווארפען געלד אויף צדקה און עס איז אײַנגעפאלען אין א גרויסען קאסטען וואס איז אײַנגעקלאפט אין דער וואנד.

די שוהל איז אינעווייניג אויסגעמאלט מיט פערשידענע בילדער פון חומש ווי דער דור הפלגה און אנדערע, און א ספעציעל שטיבעל געפינט זיך דער כסא של אליהו, וואס ווערט שוין היינט נישט בענוצט, א בעקלאפענער פאָרן, אפיקומין, א סידור געשריבען אויף פערמעט מיט 180 יאהר צוריק דורך א אײַנוקעל פון „מגלה עמוקות".

בעזונדער ציהט אויף זיך די אויפמערקזאמקייט א שטענדער מיט אנ'אויפשריפט, אז דא האט געדאווענט משה בן גרשון, געשטארבען מיט 99 יאהר צוריק.

וועגען דעם משה בן גרשון דערצעהלט מען פאלגענדע לעגענדע:

ער איז געווען א פראסטער יוד, אָבער ער האט געהאט א גרויסע נשמה, ער איז געווען א נסתר. איבערהויפט האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט קפיצת הדרך, ער איז למשל פרײַטאג פריה געווען אין ווארשא און דערנאכ'ן איז מען גאך פאר ליכט צונדען איז ער געווען אין דזיאלאשין (ראמאלס זענען קיין באהנען נישט געווען).

אויך האט ער מיט מסירות נפש געזאמעלט חפצים פאר'ן דער שוהל, ער איז געגאנגען צופוס קיין ברעסלוי און געברענגט געלד אויף לײַכטער וכדומה.

אין מיטען שוהל שטעהט א גרויסע בימה, אָבער אויהר העגגט א גרויסער הענג-לײַכטער מיט א גרויסען פוילישען אדלער, היגטער דער בימה איז פערהאנען א ברונען מיט וואסער, און ווי עס ערקלערט אונז דער משמש' איז דאס ספעציעל געמאכט געווארען, כדי עס זאל זײַן א געהעריגע שקיעה, און פאקטיש איז דארט פערהאנען א גרויסארטיגע אקוסטיק.

בעזונדער צייכענט זיך אויס דער הערליכער ארון הקודש, וואס א ווירקליך א יקיר המציאות.

בעת מען האט געעפענט דעם ארון הקודש האבען זיך אין דער הויך געעפענט טהירלעך און עס זענען ארויס-געפלויגען טויבען, היינט איז דאס אלעס שוין קאליע.

עס זענען אויך פערהאנען 2 קליינער שוהלען.

די דזיאלאשינער שוהל איז איינע פון די שענסטע און מערקווירדיגסטע שוהלען אין פוילען וואס צייכענען זיך אויס מיט זייער אלטערטהימליכקייט און עס וואלט געווען א געוויסע אבידה פאר'ן יודישען געשיכטע וואלבער אז מען זאל עס לאזען אונטערגעהן.

מיר מאכען עטליכע פאטאגראפיעס אויפנאהמען און זיינענדיג מיד פון די איינדרוקען פאהרען מיר מאכען אין חלד, וואו מיר רוהען זיך אָב און פערחילען זיך נישט קשה.

שפעט אויף דער נאכט פאהרען מיר צוריק אין שטאדט צופרידענע פון דעם זעהר אינטערעסאנטען אויספלוג, וואס האט אויף אונז געמאכט באמת זעהר א שעהנעם אײַנדרוק.

ש. פראנק.

יורידישע פראגען.

אנגעפיהרט דורך מאג. י. ג--ר.

I.

*) צו האט א שטײַער - בעאמטער קאנטראלירענדיג בײַ דער לוסטראציע א געוויסע אונטערנעהמונג לויט די פארשריפטען פון אינדוסטריע (פשע-מיסלאווי) שטײַער - געזעץ דאס רעכט אויפצופאדערן דעם סוחר צו ווײַזען איהם זײַנע פריוואטע ביכער, בעת דער דאזיגער סוחר אדער אונטערנעה-מער פיהרט לחלוטין נישט קיין האנ-דעלס-ביכער? צו איז די דאזיגע פא-דערונג יורידיש בעגרינדעט? ווי אויך — אין פאל פון א עזאי מצד דעם סוחר צו ווײַזען זײַנע פריוואטע ביכער — צי איז דאן דער בעאמטער בע-רעכטיגט דורכצופיהרען א רעוויזיע אום די דאזיגע פריוואטע ביכער אויס-צונעפונען?

II.

צי האט דער שטײַער - אמט אדער דער שטײַער-בעאמטער דאס רעכט — נאכ'ן בעלײַגען די וועזאניע, אין וועל-כער דער שטײַער-צאהלער האט אונ-טערגעשטראכען, אז ער פיהרט נישט קיין האנדעלס-ביכער און דערנאך קען ער נישט זעלבסט ביכער פארשטעלן דעם שטײַער-אמט, בכדי צו אונטער-שטיצען די אנגעוויזענע און דער ווע-זאניע אומזעץ-סומע, און זעלבסטפער-שטענדליך ווערט אין דעם פאל די הויך פון אומזעץ געשאצט לויט דער אנערקענונג פון דער שאצונגס-קאמיסיע — צו פאדערען פון דעם שטײַער-צאהלער זײַנע פריוואטע ביכער אדער דאקומענטען? צו איז דער שטײַער-צאהלער מחויב צו ווײַזען די דאזיגע ביכער, און אין פאל פון אנ'אפזאג, צי דראהט איהם א שטראף, ווי אויך צי איז דער שטײַער-בעאמטער בערעכטיגט דורכצופיהרען א רעוויזיע, בכדי די ביכער אויסצונעפונען?

*) מיט דער דאזיגער אנפראגע האט זיך צו אונז געווענדעט א גאנצע רייהע האנדעלס - אונטערנעהמער, דא-ריבער הילען מיר זי ארײַטער בע-האנדלען.

ענטפער:

I.

א) לויט דעם ארטיקעל 40 פון אינ-דוסטריע-שטײַער-געזעץ, האבען די בע-אמטע פון די שטײַער - ארגאנען דאס רעכט, און אפילו די פליכט, דורכצו-פיהרען א קאנטראל (לוסטראציע) בײַ פערשידענע אונטערנעהמונגען אין אנ-הויב פון יעדען יאהר, בכדי צו ער-מעגליכען, אויפ'ן סמך פון דער דאזי-גער קאנטראל, די געהעריגע אויסצו-רעכענען די גרויס פונ'ם אומזעץ-שטײַ-ער, ווי אויך רעווידירען, צו די אונ-טערנעהמונגען בעזיצען די געהעריגע פאטענטען.

די בעאמטע וועלכע פיהרען אויס די קאנטראל, האבען דאס אײַנטריטס-רעכט אין האנדעלס-און אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען און כלערליי ערטער, וואו עס ווערט געפיהרט א האנדעל אדער אינדוסטריע, ווי אויך דאס פולע רעכט צו קאנטראלירען ווי געהעריג די דאזיגע אלע ערטער.

ווי געזאגט, איז די אויפגאבע פון דער קאנטראל, צווישען אנדערען, צו-נויפצוזאמלען די געהעריגע מאטעריא-לען, אויפ'ן סמך פון וועלכע עס ווערט אויסגעמעסטען דער אינדוסטריע-שטײַ-ער. דאריבער, אום צו ערמעגליכען די בעאמטע אויסצופיהרען ווי געהעריג זייער אויפגאבע, פערפליכטעט דאס געזעץ אין ארט. 50 יעדען אונטער-נעהמער פארצושטעלען זײַנע האנדעלס-ביכער, ווי אויך אנדערע פערשידענע

פערנאטירונגען (zapiski) וואס האבען

א געוויסע ווערט, אום צו קענען בע-שטימען לויט זיי דעם אומזעץ פון דער אינטערנעהמונג. אין פאל פון א אפ-זאג מצד דעם אונטערנעהמער צו ער-פילען די דאזיגע פליכט אונטערליגט ער—לויט דעם ארט. 97 פון צופרי-טען געזעץ—א געלד-שטראף אין דער הויך פון 50 ביז 500 זל.

פון דעם אויבענערמאנטען איז ארויסצופירען פאלגענדעס: צולוגע דעם, וואס דער שטײַער - צאהלער איז פערפליכטעט צו ווײַזען נישט בלויז האנדעלס - ביכער, נאר אויך אלע אנדערע פערשידענע פערנאטירונגען (zapiski), וועלכע האבען א ווערט פאר דער בעשטימונג פון אומזאץ-שטײַער—דארף דער ענטפער אויף דער ערשטער טייל פון דער פראגע נום. 1 אין דעם פאל זײַן א פאזיטיווער, דאס הייסט: אז לויט דער אויפפאדערונג פון שטײַער-בעאמטען, וועלכער פיהרט אויס די קאנטראל (לוסטראציע) אין אנהויב יאהר—לויט דעם געזעץ פון אינדוסטריע-שטײַער—דארף דער אונ-טערנעהמער צו ווײַזען זײַנע פריוואטע ביכער, און וועלכע עס זענען פערנאַ-טירט פערשידענע טראנזאקציעס—אין געגענפאל: דראהט דעם סוחר—לויט'ן ארטיקעל 97 פון שטײַערן-געזעץ— א שטראף אין דער הויך פון 50 ביז 500 זל. זעלבסטפערשטענדליך, בעת עס ווײַזט זיך שפעטער ארויס, אז ער בעזיצט יא די אויבענערמאנטע פרי-וואטע ביכער, נאר ער האט זיי מיט א כיון אויסבעהאלטען פאר'ן שטײַער-בעאמטען.

ב) וואס שייך ווײַדער דער צווייטער טייל פון דער אויבענגעבראכטער אונ-טער נום. 1 פראגע: צו איז דער שטײַער-בעאמטער בערעכטיגט ארורכצופיהרען א רעוויזיע, אין פאל פון א אבזאג מצד דעם סוחר צו ווײַזען איהם זײַנע פריוואטע ביכער — דארף לויט מײַן מיינונג דער ענטפער זײַן א נע-גאטיווער, הן אין וועל עס ווײַטער ער-קלערען. (סוף קומט).

אנז מען אינטעליגענטס...

עס, צו האט א מדריגה עס דערגעהן אונזערע משטײַנס געוואגט אינטעלינגענטען און שפעגדרוקעס.

זיי אנערקענען נישט...

ענהויב זומער איז נאך פארגעקומען דן פערזאמלונג צו דער באנק ספול-דזיעלניע און עס זענען געצײַכענט פארגעקומען די דערגענצונגס וואהלען.

די וואהלען זענען אָבער דאמאלס נעפסלט געווארען און אנבעלעגט גע-ווארען אויף וואכען שפעטער, פון די 2 וואכען זענען געווארען 2 חדשים, אָבער ענדליך זענען די וואהלען פאר-געקומען.

און פון די לעצטע וואהלען, שוין די בשרע עהרליכע וואהלען, איז שוין אוועק העלפער פון 2 חדשים און קיין זיצונג איז נאך נישט פארגעקומען.

לצונים זאגען, אז די ניי אויסגע-וועהלטע מיטגלידער פון ראט, האבען געהאט די זעלבע מפלה, וואס די רע-פובליקאנער וועלכע זענען אויסגעצײַכענט געווארען דאס לעצטע יאהר אין דעם קליין זעלביגען פארלאמענט, האבען געהאט. עס זענען זיי דעפוטאטען נאר קיין מאנדאטע בעקומען זיי נישט, און אויסווערט פאהרען אויף דער באהן קע-נען זיי נישט.

אונזערע ניי-אויסגעוועהלטע ראטמע-נער צו דער באנק ספולדזיעלניע גע-פונען זיך אויך אין דער זעלבער לאגע, עס זענען זיי אויסגעוועהלט געווארען נאר קיין רעה ארגען מען בײַ זיי נישט און מען רופט זיי נישט אויף קיין זיצונג, נישט טיליב און נישט פלטײַן.

אינטערעסאנט איז אָבער אויך וואָס, ווער פיהרט דאס אזוי אן מיט דעם רעדעל און איבערהויפט עס איז דאך נישט הפקר פיטערישעס מטה גאנץ זענען זיי אויסגעוועהלט געווארען מיט א מעהרהײַט שטימען דארפען זיין גע-מען אנטייל אין דער ארבייט וועו נישט זאל מען זאגען אפען, אז מען פסלט דן וואהלען.

נאר דער חינוך, רעד פערינען, אז די לײַטונג פון די דער אזוי גערופענער פאלקס באנק האלט נישט פון קיין מעהריהײַט, זיי אנערקענען נישט...

זאל זיין מיט מזל.

ענדליך וואלטען מיר שוין בײַ די ענדגילטיגע פעראײַניגונג פון די צוויי יודישע ספארט-פעראײַנען און איין גרוי-סען יודישען ספארט-קלוב.

מיר זענען געווען די ערשטע, וועלכע האבען נאך פאר א יאהרען געשריבען, וועגען דער נויטווענדיגקייט פון פער-אײַניגונג פון די צוויי עגזיסטירענדע ספארט-קלובען, דעם יודישען טורן און ספארט-פעראײַן מיט דער „מארמא".

די דאזיגע דיעלונג בעמערקונג האט געפונען א אבקלאנג בײַ בײַדע ספארט-פעראײַנען און עס זענען פארגעקומען זיצונגען, וועלכע האבען זיך געצויגען איבער א יאהר צייט, ביז ענדליך נאך אזוי פיעל אונטערהאנדלונגען און אונ-בעריימונגען איז מען געקומען צום לעצטען פונקט, וואס די פעראײַניגונג וואלט שוין בײַם פערווירקליכט ווערען.

די וואך זענען פארגעקומען דן על-געמײַנע פערזאמלונגען פון בײַדע קלו-בען, שבת אחער פון יודישען טורן און ספארט-פעראײַן, זונטאג—פון דער מארמא. אויף בײַדע פערזאמלונגען האט מען זיך געחקינ'ט, זיך נעדונגען וועגען דעם נאמען, פארב און — יו-דישקייט און אויף בײַדע פערזאמלונגען האט געזיגעט דער לאזונג וועגען דער פעראײַניגונג.

כאראקטעריסטיש איז, אז אויך אויף דער פערזאמלונג פון דער „מארמא" איז בעשלאסען געווארען, אז יודיש ווערט גלײַכבערעכטיגט צוזאמען מיט דער פוילישער שפראך.

דאריף מען די דאזיגע פעראײַניגונג בעגריסען, אז אנשטאט 2 ספארט-קלו-בען, וואס אלע זענען זיי שוואך, וועלען מיט דער פעראײַניגונג ווערען שטארקער און דערצו ווערט פערשוואו-נדען ווערען דער אסימילאטארישער פרצוף פון דער „מארמא" און עס ווערט נאר בלײַבען איין יודישער ספארט-קלוב.

בײַ דער געלעגענהײַט וועלט נישט געשאדט אויפמערקזאם צו מאכען, אז דער יודישער ספארט - קלוב „אסלא" זאל אויך צושטעהן צו דער פעראײַני-גונג וועט זײַן דער יודישער ספארט אין טשענסטאכאו א געזונדער און א געאײַניגטער.

יערענפאלס צו דער פעראײַניגונג פון בײַדע יודישע ספארט קלובען דארף מען זיי ווינשען, אז עס זאל זײַן מיט מזל.

א בריעף, ווי אזוי מען לייענט איהם.

דאס מײַן איך דעם היגען „קצבים-צעך", וועלכער געפינט זיך בעלײַדיגט פון דעם אויסדרוק וואס איז געווען געדרוקט יענע וואך און אונזער צײַ-טונג וועגען בעזוך אין שחט-הויז רע-דענדיג וועגען די בהמות, וואס ווערען בעטאפט דורך די קצבים ווערען גע-שלאגען מיט שטעקענס.

דאס טײַטשען זיי אויס, אז מיר האָ-בען געמײַנט דערמיט צו בעטײַטען אז די קצבים זענען אכזרים, וועלכע פער-מאטערן די בהמות מיט שטעקענס, נײַן רבותי, נישט אזוי דארף מען דאס לייענען!

דער שרײַבער האט נור דורך אגב דערצעהלט, אז די קצבים טראגען שטעקענס און די הענד און בעת זיי בעטראכטען די בהמות בענוצען זיי די שטעקענס אזוי אז זיי זאלען האבען די מעגליכקײַט ווי צו בעטאפען, אָבער אין קײַן פאל נישט און דעם זינען אז זיי זענען מערדער קענען די אונשול-דיגע לעבעדיגע בהמות.

חברים פלײַשער, א בריעף איז ווי אזוי מען לייענט אוהם.

לויתן

מיין בעזוך אויפ'ן ספארט-סטאדיאן און אין דער שטאדטישער בעטאנאטניע.

גענוסענדיג פון דער העפליכקייט פון אונזער יודישען לאזניק ה' פ. שפירא האב איך געהאט די מעגליכקייט און זיין געזעלשאפט צו בעזוכען דעם ספארט-סטאדיאן און די שטאדטישע בעטאנאטניע.

אין א געדעקטען שטאדטישען ערשט־קלאסיגען „בענז - מערצעדעס" אויטא זענען מיר אין א פאר מינוט געפא־רען צום ספארט-סטאדיאן וועלכער גע־פינט זיך בייא דער אלשטינסקא גאס 1½ קילאמעטער פון דער שטאדט.

שוין פון דערווייטענס בעמערקט מען אויפ'ן פעלד א לעבהאפטע ארבייט פון צעהנדליגער ארבייטער, און פרוי איינגעפלאנצטע בוימער אויפ'ן וועלבען ארט.

דער לייטער פון דער ארבייט ה' זיאלקאווסקי ערקלערט אונז די נאהע־ריגע אינפארמאציעס פון וועלכע עס ווייזט זיך ארויס, דאס דער היגער ספארט-סטאדיאן וועט זיין איינער פון די גרעסטע ספארט - סטאדיאנען אין פוילען, ער וועט אויך זיין גרעסער פון דעם נישט לאנג געעפענטען ספארט־סטאדיאן אין קרולעווסקא-הוטא.

אויפ'ן ספארט-סטאדיאן וועלען זיך געפונען 2 ספעציעלע שפיל - פלעצער פאר קינדער לויט זייערע יאהרען, א פלאץ פאר קאמף און נאך שפילען (קאשיקובקא און שיאטקובקא). א ספע־ציעלער פלאץ פאר לייכטאטלעטיק און צו ווער-לויפען אויף 500 מעטער, דאן עס וועלען זיך אויך געפונען איינריכ־טונגען צו אלע לייכטאטלעטישע או־בונגען און א קלענערער פלאץ 350 מעטער ספעציעל אויף טרענירונגען און קארטען צו טעניס שפילען.

דער פלאץ צו לייכטאטלעטישע אי־בונגען, איז אויך צו לערנען זיך שיסען מיט ספעציעלע פארזיכערונגען, און דער פלאץ צו פוטבאל שפילען אויפ'ן גראז וועלען שוין פערענדיגט. דאס שפילען אויפ'ן גראז איז בייא אונז אין משענסטאכאו נאך נישט בעקאנט צו־ליעב דעם, ווייל עס פעהלט א ספעציעלען בעדען וועלכער וועט שטעהן אונטער א געהעריגער אויפזיכט.

און דער ארבייט געפונט זיך א ערשטקלאסיגער ציקלאדראם צו רע־דערן-געיעג אויף 300 מעטער, דאן די ציקליסטען וועלען האבען די מעג־ליכקייט צו טרענירען, ווען דער ביז־יעצטיגער ציקלאדראם אויף דאמבראוו־סקע גאס איז נישט געווען צוגעפאסט צו ראדערן געיעג און דאריבער זענען אין די לעצטע 3 יאהרען נישט פאר־געקומען קיין גרעסערע ראדפאהרען - גע־יעגען.

צום נייעם ספארט-סעזאן 1931 יאהר וועלען די היגע ספארט קלובען שוין קענען געניסען פון די אויבען-אויסגע־רעכענטע ספארט - פלעצער, אויסער דעם וועט ווערען איינגעארדענט א שווים-באסיין און בעדער, נאר דאס פערלאנגט נאך א גרעסערע ארבייט, ווייל דער ביז יעצט עקזיסטירענדער טייך וועט פערשיט ווערען און וועט בעקומען א אנדערע ריכטונג.

בייא איינארדנען דעם ספארט-סטאד־יאן איז גענומען געווארען אין אכט די פאלסטע בעקוועמליכקייט פאר'ן פוב־ליקום און עס זענען געמאכט געווא־רען איינריכטונגען פאר די צושויער אמפיטעאטער און ספעציעלע וועגען פאר פוס און רעדער פערקעהר.

בעם היינטיגען טאג זענען בעשעפ־טיגט 120 ארבייטסלאזע ארבייטער אונטער א ספעציעלע טעכנישע אויפ־זיכט. די ארבייט ווערט געפיהרט דורך דעם רעגירונגס - פאנד, וועלכער איז ספעציעל געווידמעט צו בעשעפטיגען די ארבייטסלאזע.

אין די נאהנטסטע טעג וועט דער גאנצער סטאדיאן ארומגעצוימט ווערען מיט דראהט, כדי די ארבייט זאל נישט בעשעדיגט ווערען דורכ'ן הונטער, ווען נאר עס וועלען פערטיג ווערען די בעטאנענע פילארען פון דער שטאדטי־שער בעטאנאטניע.

דאן זענען מיר געפאהרען אין דער בעטאנאטניע, וועלכע האט גרויס אוים־געארבייטע קאנאליזאציע רוהרען.

מיט 2 יאהר צוריק האב איך גע־האט די מעגליכקייט צו בעזוכען די בעטאנאטניע און איך מוז פעסטשטע־לען אז דארט איז געווארען איינגע־פיהרט א געוואלדיגע רעארגאניזאציע לטובת דער שטאדט און די ארבייטער אין דער בעטאנאטניע, וועלכע גע־שטעהט פון 2 אבטיילונגען: איינע וועלכע ארבייט אויס פערשידענע פלי־טען און די צווייטע — קאנאליזאציע־רוהרען, זענען פריהער געווען בעשעפ־טיגט ביז 80 ארבייטער און א ספעצי־עלער העכערער בעאמטער אלס לייטער און די ארבייטער זענען געווארען פערטיילט אויף 2 גרופען, יעצט איז דער בוכהאלטער אויך לייטער פון דער בעטאנאטניע און עס זענען בעשעפ־טיגט 28 ארבייטער, וועלכע ארבייטען אויף אקארד, דאס עס האט זיך ארויס־געוויזען אין לעבען זעהר פראקטיש און די ארבייטער זענען בעשעפטיגט אין ביידע אבטיילונגען, לויט דער פארע־רונג פון די בעשטעלונגען.

די בעטאנאטניע נעמט אויך אן פרי־וואטע בעשטעלונגען אויף זעהר גינ־סטיגע בעדינגונגען. אין דעם זעלבען טאג זענען געליפערט געווארען די פי־לארען פאר דעם ראדאמסקער מאגיס־טראט וועלכע זענען געווארען אויסגע־פערטיגט, ווי עס פערזיכערט דער בוכהאלטער ה' באבאק פון די בעסטע שטאפען.

אין די נאהנטסטע טעג וועט די בעטאנאטניע איינפיהרען א גאנצע ריי־הע טעכנישע אויפבעסערונגען, דאס עס וועט נאך פערגרעסערן די פרא־דוקציע און מען וועט קענען קאנקורי־רען מיט די גרעסטע בעטאנאטניעס, וויפיעל מיט איהר ערשטקלאסי־גער אויספערטיגונג.

די רעארגאניזאציע וועלכע איז איינ־געפיהרט געווארען אין דער בעטא־נאטניע איז צו פערדאנקען דעם יודי־שען לאזניק פ. שפירא, וועלכער האט ארויסגעוויזען אויף דעם געביעט זיינע גרעסטע פעהיגקייטען פון איינשטעלען און ארגאניזאציע פון ארבייט, מיט וועם ער האט געבראכט אונזער שטאדט גרויסע נוצען.

בייא דער געלעגענהייט וויל איך אויך אויסדריקען מיין הארציגען דאנק דעם ה' פ. שפירא, וואס ער האט מיר גע־געבען די מעגליכקייט צו בעקענען זיך מיט א וויכטיגען טייל פון די שטאדטישע אונטערנעהמונגען.

מ. קרעמסקי.

שענקט ספרים פאר דעם אבגעברענטען שטעדטיל פשעווארסק!

אין דער פרעסע איז זיינער צייט געווען געמעלדעט וועגען דער גרויסער שרפה וואס איז פארגעקומען אין שטעדטיל פשעווארסק, ווען דער גרעס־טער טייל פון דער יודישער בעפעל־קערונג איז געבליבען אהן א דאך אי־בער'ן קאפ, און דאבייא איז פערברענט געווארען דער פראכטפולער בית המדרש.

צו אונז אין רעדאקציע איז געקומען ה' משה האלטער און אונז איבערגע־געבען א הייסען אויפרוף פון דער יוד. קהלה אין פשעווארסק, וועלכע בעט זיך רחמים אז ז' פערלאנגט נישט קיין שום אנדערע שטיצע נאר אז מען זאל שענקען ספרים פאר דעם ביהמ"ד, וואס איז אבגעברענט געווארען, אין וועלכען עס האט זיך געפונען א אונגעהויערע גרויסע ביבליאטעק פון די טייערסטע און עלטסטע ספרים פון דער תלמודי־שער ליטעראטור, וועלכע זיי זענען נישט אומשטאנד אליין צוריק צו שטע־לען, און זענען געצוואונגען זיך צו ווענדען צו מענשען וואס האבען ספרים אז זיי זאלען שענקען פאר זייער ביהמ"ד.

עס איז צו האפען אז בייא אונז אין שטאדט וועלען זיך געפונען מנדבים וואס וועלען שענקען פון זייערע ספרים צו דעם דאזיגען צוועק אום צו קענען צוריקשטעלען דעם חרוב געווארענעם אוצר הספרים אין פשעווארסק.

די געשענקטע ספרים קענען איבער־געגעבען ווערען צו ה' משה האלטער גראדאווא 14, און די נעמען פון די מנדבים וועט די קהלה אין פשעווארסק פערעפענטליכען צום אביגען אנדענק.

די קאדענץ פון היגען שטאדט-ראט.

די קאדענץ פון איצטיגען היגען שטאדט-ראט און אויך פון מאגיסטראט דערגעהט שוין צו איהר ענדע.

די וואהלען צו דעם איצטיגען שטאדט - ראט זענען פארגעקומען אין סעפטעמבער 1927, אזוי אז אין קורצען ענדיגט זיך שוין דריי יאהר צייט דער קאדענץ פון די דאזיגע קערפערשאפ־טען.

עס איז דאריבער אויס פאר אונ־זער שטאדט זעהר וויכטיג דער פאקט, דאס די שטאדט-פערבאנדען בעמיהען זיך איצט בייא דער רעגירונג וועגען פערלענגערען דעם קאדענץ - טערמין פון די מאגיסטראטען.

פון דער האנדווערקער באנק.

די האנדווערקער באנק אין משענ־סטאכאו אלעע 12, בעט אונז אויפ־מערקזאם צו מאכען אלע בעזיצער פון די פרעמירטע אבשפאר - ביכלעך, אז דעם 14 ד. ח. איז דער לעצטער טערמין פון איינצאהלען די ראטעס אויף די ביכלעך, כדי צו קענען געני־סען פון דער פרעמירטער ציהונג, וועל־כע קומט פאר אין ווארשא דעם נעכ־סטען חודש.

יעדער בעזיצער פון אזא ביכעל דארף צוצאהלען ביז 39 זל. נאך דעם 14 ד. ח. ווער עס וועט נישט האבען איינגעצאהלט אויף זיין ביכעל די פו־לע סומע פון 39 זל. פערלירט דאס רעכט אנטייל צו נעמען אין דער צי־הונג, יעדע 100 ביכלעך בעקומען א פרעמיע פון 500 ביכלעך.

דעריבער דארף זיך יעדער צואיילען און צוצאהלען ביז דער סומע פון 39 זל. און נישט פערשפעטיגען דעם טער־מין, ווייל וואס מעהר צאהלער עס וועלען זיין, וועט מעהר פרעמיעס אי־לען פאלען בייא אונז אין משענסטאכאו.

Najtańsze Najsolidniejsze
źródło mundurków szkolnych
jest tylko w pracowni
„MUNDUR SZKOLNY", Strażacka 4
Terminowa i punktualna dostawa.

קליינקייטן...

מיין מיעסטע מיטגעפיהל.

האט פאר א בעצאהלונג מען זאל נישט האבען צו די טעלעפאן - פערטרע־טער, וועלכע האבען אין משך פון 2 יאהר מיט עטליכע חדשים זיך געגעבען טשאדל געמאכט פאר אונזער טובת הע־נאה, געפאהרען אומזיסט אויף דער באהן און געגעסען פענסיע, טא מען דארף זיי אויסדריקען מיין מיעסטע מיטגע־פיהל.

דארום א דעפוטאט איז אויך נישט מעהר ווי א פראסטער בשר ודם, און ווען מען געוואוינט זיך צו צו גוטעס איז א גרויס רחמנות ווען אין מיטען דרינען דארף מען זיך אבזאגען פון די זכיות פון וועלכע מען האט גענאסען.

זענען די דאזיגע 444 דעפוטאטען און 111 סענאטארען געווען די אויס־געוועהלטע פון די 30 מיליאן פוילישע בירגער, זיי האבען נישט געדארפט זארגען אויף פרנסה און גענאסען פון בעזונדערע פריווילעגיעס.

און — פלוצים, גוראדע ראמעלס, ווען די דעפוטאטען האבען שוין זייער געוואוינהייט זיך צוגעפאהרען קיין ווער־שא, כדי אנצונעמען זייער מאנדאטליכע פליכט (אגב די איינציגע בעשעפטי־גונג אין די לעצטע צייט) האט מען זיי געמעלדעט, אז די קאסע צאהלט מעהר נישט.

ווי א דונער אין העלען טאג האט זיי די בשורה געטראפען, זיי זענען פשוט פערצווייפעלט געווארען. זיי הא־בען נישט געהאט אויף קיין הוצאות צוריק, שרייבען די צייטונגען, דארום האר בילעטען האבען זיי שוין געמוזט צאהלען, און אויב דאס איז געווען חע־נונג, האט מען נאך א ריהע געהעריגע דעפוטאטען איינגעזעצט פאר זייערע „מעשים טובים" וואס זיי האבען אבגע־טהון בעת זיי זענען געווען „שני דעפוטאטים".

מען שמועסט אפילו, אז דאס האט דער זייערע אזוי איינגעארדענט. גאר דאך, ווי איך זאל אויך נישט האבען קיין הנאה פון זייער פוטערען סוף (צוליעב קנאה פערשטעהט זיך...) איז מיר פארט א רחמנות און איך דרוק זיי אויס מיין מיעסטען מיטגעפיהל.

מי דערלעבט מען שוין אזא נקמה אין אונזערע היימישע דעפוטאטען די קהלה ראזשערס, ווען האלט מען שוין דערביי, אז מען זאל זיי די דאזיגע חברה אויך דארפען אויסדריקען מיט־געפיהל.

נאכט ארבייט.

עקורעט אזוי ווי עס ווערט איבער־האסט צוגעגרייט די ארבייט צו די וואהלען צום נייעם סיים, אזוי ווערט נאך מיט מעהר ברען אנגעפיהרט מיט'ן איינקאסירען די פערטאקסעס בייא די ערוויגע שטייער צאהלער.

דעם בעסטען בעווייז, אז עס איז פערהאנגען א סך ארבייט ביים איינ־מאהנען די שטייערן איז דאס, וואס זיי ווערען איינגעמאהנט נישט בלויז בייא טאג נאר אויך ביי נאכט.

עס איז האלב דריי בייא נאכט, די בעקער געזעלען נעמען ארויס דאס ברויט פון אויבען, אנדערע האלטען אין מיטען טרייבען דאס מעהל אין די בייט, כדי צוצוגרייטען א צאהל פייער און דערביי זינגען זיי א לידעל, פלוצלינג קלאפט מען אין דער טהיר, מען פרעגט קטע מאס, און עס ווערט זיך א ענטפער: סעקוועסטראַ־טאר!

מען עפענט די טהיר און עס קומען ארייין עקזעקוטארען מיט פאליציי און מען לעגט ארויף דאס אנגעבאקענע ברויט מיט'ן נישט דערקנעטענעם מעהל אויף די ספעציעל-מיטגעברענגטע פור־רען און מען פיהרט עס אוועק.

א דאנק קומט אבער דאך די עהר־ליכע בעאמטע, וועלכע ארבייטען אזוי געטריי, אז דאס וואס זיי בעדארפען נישט אויפצוטהון בייטאג טהון זיי ביינאכט.

זיי ארבייטען—נאכט-ארבייט...

משענסטאכאו בלייבט אהן טעאטער

אויף די פיעל אנפראגען פון אונ־זערע לעזער צי וועט משענסטאכאו בלייבען אהן א יודיש טעאטער, קען איך אבער ענטפערען, אז משענסט־כאו וועט אונבעדינגט בלייבען אהן א טעאטער, ד. ה. נישט בלויז אהן א יודיש טעאטער, נאר אויך אהן א פויליש טעאטער.

ווי בעוואוסט האט דאס פוילישע טעאטער געשפילט אין דעם אזוי־גע־רופענעם טעאטער „רעזמעטעסמאן" און דאס יודישע טעאטער אין זאל פון דער „מארטא".

לעצטענ'ס האט מען אויך אויסגע־שטעלט א ניי שטאדטיש טעאטער אויף דער יאסנאגורסקע גאס האבען מיר שוין געהאט דריי טעאטערס.

דער סוף פון דעם אלעם האט זיך אבער אויסגעלאזט בנסער.

דאס נייע טעאטער קען נישט אויס־געפערטיגט ווערען, ווייל עס פעהלט סומען, דער „מארטא"-זאל איז פערוואנ־דעלט געווארען אין א באנק - אינסטי־טוציע און דאס איינציגע פוילישע טעאטער „רעזמאיטעשטשן" האט דער מאנאפאליסט לעצטענ'ס פערוועהרט צו־ליעב וועכטערטאגס-טעמים, צו שפיעלען.

בייא דער געלעגענהייט וויל איך נע־מען אביסעל נקמה אין די אייגענטי־מער, וועלכע האבען בעת מען האט זיך צו זיי געווענדעט וועגען אבגעבען דעם זאל אויף א יודיש טעאטער הא־בען זיי געענטפערט, אז זיי ווילען קיין יודען נישט ארייינלאזען, מעג ווילען זיי זיך איינלאזען דעם זאל.

אבער ווען עס זאל נישט זיין אין א פאקט, אז משענסטאכאו בלייבט אהן יעדען טעאטער.

שטערקע.

וויכטיג פאר גאלאנטעריע - סוחרים
פאר טשענסטאכאו און אומגעגענט!
די מעכאנישע שטרומפף - פאבריק אונטער דער פירמא
„AURORA", Aleja 62, tel. 7-14
מאכט בעקאנט די ג' קונדען, דאס זי איז פערזעהען צום ווינטער־סעזאן מיט אלערארט
שטרימפף און סקארפעטען
גלאטע און געמוסטערטע. בעסטע קוואליטעטען.
מעסיגע פרייזען.
מיט אכטונג
Mech. Wytw. Pończoch „AURORA"
Panny Marji 62. Tel. 7-14.

שפארער! געדענקט, אז עס דערנעהענטערט זיך די
4-טע ציהונג פון פרעמיעס
פונ'ם פערבאנד פון די יודישע קאסע: געזעלשאפטען אין פוילען
יעדע פרעמיע 500 זל.
אויב דו האסט נאך נישט איינגעצאהלט אויף דיין שפאר-ביכעל אלע בעטרע־פענדע ראטעס, ד. ה. 39 זל., דארפסטו עס ערלעדיגען ביז דעם 14-טען סעפטעמבער ד. י. כדי צו בעקומען דאס רעכט אנטייל צו נעמען אין דער ציהונג. אין דער 3-טער ציהונג פון די פרעמיעס האט דער פערבאנד פון די יודישע קאסע. געזעלשאפטען אין פוילען אויסגעצאהלט 227 פרעמיעס צו 500 זל. צוזאמען אויף א סומע פון 113,500 זל.
קאאפעראטיווע האנדוו.-באנק
טשענסטאכאו, אלעע 12

דער אינהאבער פון דער דאמען - בעקליידונג פראצאווניע
סאמועל קאץ
טשענסטאכאו, אלעע 20, טעלעפאן 212
איז צוריקגעקומען
און עמפפעהלט דער ג' קונדשאפט צום הערבסט און ווינטער - סעזאן
נייעסטע מאדעלען פון פאלטאנ'ס און פוטערס.

אכטונג שיך און גאלאנ־טעריע - סוחרים!
צום קומענדען ווינטער-סעזאן בעזיצען מיר אויפ'ן לאגער א גרויסען אויסוואהל פון
קאמטיל - שיך (באמבאשעס)
אלע פארטען פון קלענסטען ביז'ן גרעסטען נומער.
צום שול-יאהר צו בעקומען סקאק-גימנאסטיק-לאטשען.
קוים און איבערצייגט אייך! ביליגער ווי איבעראל!
מיט אכטונג
קאאפעראטיוו „אבוביט"
נייער מארק 2. טעל. 860

בעקאנטמאכונג.
דערמיט מאך איך בעקאנט די ג' קונדשאפט, אז ס'איז געעפענט געווארען
אן ערשטקלאסיגע פראצאווניע
פון דאמען-בעקליידונג און פוטער
S. KELBERMAN, ul. KOŚCIUSZKI 20.
róg 2-ej Aleji.
די לעצטע פאריזער מאדעלען זענען אנגעקומען. — צוגענגליכע פרייזען

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז אין דער 7-קלאסיגע שולע
פון ה. ב. וויינבערג, אלעע 8
דויערען וויימער די איינשרייבונגען פון נייע שילער יעדען טאג פון 9—1 פארמיטאג.
צום נייעם שול-יאהר זענען איינגעלאדענט נייע פעדאגאגישע קרעפטען איבערהויפט צו למודי קודש.
ביי דער דאזיגער שולע ווערען אויך איינגעארדענט
אווענד - קורסען פאר מיידלעך:
פון 7—5 נ. מ. וואו עס ווערט געלערנט ווערען די יודישע שפראך, לעזען, שרייבען, רעדען העברעאיש, אידישע געשיכטע, מנהגי היהדות טעמי המצוות והחגים. דער פרייז איז פון 10—5 זל. מאנאטליך.
אונפערמעגליכע א גרויסע הנחה.

ברילען, בינאקלען
ZEISSA w JENIE פון די בעסטע פירמעס
אפאראטען און פאטאגראפישע צוראטען ווי אויך
שטאלענע ארטיקלען אמבעסטען, אמבילינסטען וועט מען קויפען ביים
OPTYK MEDICAL
Z. ERNER
2-טע אלעע 31
(ג. לאנג-יעהריגער אפטיקער אין די גרעסטע אפטישע לאגערן אין פאריז)
אויספיהרונג לויט די בעשטעלונגען פון די ה"ה אקוליסטען.
דער אנשטאלט בענוצט זיך מיט די נייעסטע איינריכטונגען.
On parle français. פונקטליכע פאך-בעדינונג.

Szkoła Rzemiosł dla Żydów
w Częstochowie, Garncarska 8/10
podaje do wiadomości, że we wtorek dn. 2-go września b. r.
rozpoczynają się normalne zajęcia.
Zapisy trwają nadal do wszystkich oddziałów:
ślusarsko - mechanicznego, stolarskiego i elektrotechnicznego.
Kancelarja czynna codziennie od godz. 9-ej do 12-ej w poł.

דו ארבייט ביים פערשענערן די שטאדט.

לעצטענ'ס ווערען געפיהרט א גאנ־צע רייהע שטאדטישע ארבייטען וועל־כע זענען געווענדעט אין דער ריכטונג צו פערשענערן דעם אויסזעהען פון דער שטאדט. אזוי ווערען אויסער א גאנצע רייהע טראטואר־ארבייטען איצט געפיהרט די ארבייט פון פערשענערן די שענקעוויטש־עלעע צווישען בייטע פארקען און אויסער דעם ווערט בע־זעצט די נייע פאר וועגען־פערקעהר זייטען טשענסטאכאווקא און בזשעזשא, ביז דער יאסנע גורא, ווער־דען אויך ווערען געפיהרט דורך דער לובלינער נאס.

די לעצטע אויפטריטע פון קינסטלער לעא פוקס אין „קאסינא".

פון מאנטאג דעם 1 ד. ח. טרעט אויף אין קינא „קאסינא" דער בעקאנ־טער ארטיסט פון די יודישע און פוי־לישע טעאטערן, ליבלינג פון ווארשא ווער פובליקום, ה' לעא פוקס.

לעא פוקס צייכענט זיך אויס ספעצ־יעל מיט זיין ארגינעלער כאראקטער־אויספיהרונג אין פערשידענע לידער, וואו ער טרעט זיך ארויס אלס גלענ־צענדער גראטעסק־הומאריסט און פע נטעסענאלער; טענצער פון א מייסטערהאפ־טען ווּאנר.

ער פערבלייבט נאך סך הכל עטליכע טעג און יעדער דארף אוודאי אויסנוצען די געלעגענהייט איהם צו זעהען און בעוואונדערען.

פון דער פראווינץ.

קלאמ.

ביי אונז אין שטעדטעל האט פער־גאנגענעם שבת פאסירט א שרעקליכער פערפאל אין שוהל ביים דאווענען:

א געוויסער ה' משה שווארץ האט חתונה געמאכט זיין טאכטער, און שבת האבען די מחותנים געפיהרט חתן־כלה אין שוהל ארייין, אזוי ווי מען האט נאך געענדיגט דאס דאווענען און דער ה' שווארץ האט פערבעטען צו זיך אנ'עולם אויף קידוש, האט זיך פלוצלונג דערהערט א שרעקליך גע־שריי, דער עולם איז ארויסגעלאפען פון שוהל און דערזעהן א שרעקליך בילד: דער באלקאן אויף וועלכען די פרויען געהען ארויף אין עזרת נשים, האט זיך איינגעבראכען און פיעל פרוי־ען זענען ארונטערגעפאלען. דער עולם האט אנגעהויבען צו מאכען שרעקליכע געוואלדען, פרויען האבען פאמדירט, ווייל געשריגען זענען געגאנגען ביז לב השמים. די ערשטע איז ארונטער־געפאלען דעם חתנ'ס מוטער, נאך איהר זענען געפאלען נאך 15 פרויען.

דאס גאנצע שטעדטעל איז זיך צו־זאמענגעלאפען און נאך גרויסער מיה האט מען פון אונטער די שווערע קלעצער ארויסגעצויגען די פערוואונדעטע פרויען. 8 פרויען, דערונטער דעם חתנ'ס מוטער זענען שרעקליך צוהרג'ט געווארען, אזוי אז מען האט זיי גע־מוזט א לאנגע צייט מינטערן מיט פערשידענע מיטלען ביז מען האט זיי געבראכט צום חיות. די איבריגע פרוי־ען זענען אנגעקומען מיט לייכטערע וואונדען, דער שטאדטישער דאקטאר איז גרייט ניט געווען אין קלאמ, האט מען גענומען איינשפאנען יודישע פערד און צוויי יונגען זענען געפאהרען אין דערביייאנגען שטעדטעל קאניעצפאל ברענגען א דאקטער, וועלכער האט די פערוואונדעטע געגעבען די ערשטע הילף ערשט אין 6 שעה ארום, די איבריגע פרויען וואס זענען נאך פער־בליבען אין עזרת־נשים האט מען גע־מוזט אויסהאקען די פענסטער מיט די פוטרונעס און יעדע פרוי האט מען ארונטערגעלאזט אויף א לייטער.

אויך די כלה וועלכע איז געשטאנען אויפ'ן באלקאן און זיך צוקוקט מיט א פרוי, איז אויך ארונטערגעפאלען אין מיטען קישען און אנגעקומען מיט לייכטע וואונדען.

דאבע דארף מען צוגעבען אז די חונע יודען האבען שוין א לאנגע צייט פריהער אויפמערקזאם געמאכט דעם קהלה־פרעזעס ה' ארענשטיין אז די טרעפען פון'ן באלקאן פון דער עזרת־

נשים זענען בויפעלין, און מען דארף זיי פערריכטען, עס איז צו דעם צוועק שוין אויך פערהאנדלען געווען דאס גוי־טיגע געלד, אבער דער פרעזעס האט אזא חיכטיגע זאך פערנאכלעסיגט און דערפיהרט צו אזא שרעקליכער קא־טאסטראפע.

איצט דערהערענדיג וואס עס האט פאסירט האט דער פרעזעס זיך אנגע־טרונקען און זיך פערשלאסען אין זיין שטוב מורא האבענדיג פאר קלעפ און מיט דער הילף פון פאליציי האט מען איהם געפיהרט אין די שוהל ארויין און פערחתמ'עט די שוהל און זיין נענענגיטארט, ווייל עס קומט זיך ארויס צו די גאנצע שוהל און גוי־פעלין, און איצט האלט מען פאר די ימים־נוראים און מען ווייס ניט האבען קיין שוהל צום דאווענען.'

א. א—ד.

נויטיג א מיידעל

אין שוך־געשעפט קראקאווער 14.

א לערן־יונגט

פון אנשטענדיגע עלטערן ווערט געזוכט אין שניידער־ווערקשטאט

פ איינהארן, אלעע 29.

Wystrzegać się naśladownictw o podobnem brzmieniu.



Złoty medal na Wystawie w Katowicach 1927
Zastępca: I. Lewkowicz, Częstochowa, Narutowicza 15

טעאטער „אדעאן" אלעע 27. — לעצטער סעאנס 9-30 אוונט, ביליגערע פרייזען.

הייגט! עקראן און סצענע צוזאמען!

אויפ'ן עקראן: אונזער ערשטער שלאגער!

PO ZACHODZIE SŁONCA

סימפאניע פון ליעבע, ליידען און גליק, פונ'ם לעבען פון „זיי צוויי" הערליך רעאליזירט דורכ'ן רעזשיסער מורנאו.

די הויפט־ראלען פיהרט אויס דאס גענ׳אלע פארל, די דעמאניש ־ רייצענדע

מסה׳ דונסאן, טשארלז פארטל.

אויף דער סצענע: ניי־ענגאזשירטע ארטיסטען אונטער דער אנפיהרונג פון י. ווישניעווסקי

PAN SIĘ ZAPOMINA גרויסע רעוויו אין 7 בילדער

קרועסלא ביז'ן אנהויב פון ערשטען סעאנס נאר 1 זל.

די גבאים

פון דער שטאדט־שוהל

מאכען בעקאנט, אז אנהויבענדיג פון מיטוואך, דעם 10 ד. ח., וועט יעדען טאג פון 3 ביז 6 נאכמיטאג זיין צו בעקומען אין דער קאנצעלאריע פון דער שטאדט־שוהל בילעטען אויף די קומענדע ימים נוראים, פאר די שטענדיגע מתפללים (צו צאהלען) ווי אויך צו פערדינ־גען פלעצער.

דערביי ווערט אויפמערקזאם געמאכט, אז אהן בילעט וועט ניט ארייינגעלאזט ווערען.

די גבאים.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז ווי יעדעס יאהר וועט אויך דאס יאהר

גטדאווענט ווערען אין אגודה־לאקאל, סטראזשאצקא 8 די קומענדע יו"ט

וואו ס'איז אויך אנגאזשירט געווארען א ספעציעלער בעל־תפלה. גלייכצייטיג מאכען מיר בעקאנט, אז פון דינסטאג ב' תבא יעדען טאג פון 7—10 אווענד, ווערען אין דערמאנטען לאקאל פערקויפט פלעצער צום דאווענען.

די צאהל פלעצער איז בעגרעניצט.

וועד אגודת ישראל טשענסטאכאו.

שלשלת „קרן־החלוץ".

ברוניא ווייספלנר פסרה 3 זה' וקוראת להשתתף בשלשלת את הה' פולה ברודר, רוושא גליקסמן, סבת גולדמינץ, פרמבצקי וקפלר, פלה פישמן.

דניאל ויצברג מסר 3 זה' וקורא את הה' ב. בלבשטין, מ. ונדברג, אברהם לצוסק.

מיקלוביץ מסרה 3 זה' וקוראת את הה' הלה אפרים, פרים שורצבום, שושנה ברודר קרולה רוזנבום, משיה שורצבום, ממפה זינגר.

יוסף דזילובסקי מסר 3 זה' וקורא את הה' א. ח. שיפר, יחיאל רוזנבום, יוסף גליקסמן, אברהם יכימוביץ, שלום רוזנברג.

יחיאל רוזנצויג מסר 3 זה' וקורא להשתתף את הה' פ. קניגסברג, שפיגבוג, מלמען שפיגהרס, יוסף רפפורט.

דער בעוואוסטער מענער־שניידער

ישעיהו גראנעק, אלעע 10

איז צוריקגעקומען פון פאריז און לאנדאן

פון וואו ער האט מיטגעבראכט די נייעסטע מאדעלען פאר מענער־אנצוגער, פאלטענס און פעלצען.

עס ווערען אנגענומען בעשטעלונגען פון איינענע אינלענדישע און אויסלענדישע ווי אויך אנפערטרויטע סחורות.

די געעהרטע קונדשאפט, וועט ווי ביז איצט זיין פון זייערע בעשטע־לונגען אין מיין פירמע העכסט צופרידען.

מיט אכטונג

ש. גראנעק, אלטע 10.

„CASINO".

די פרייזען זענען ערנידריגט: אויפ'ן ערשטען סעאנס 1 זל. אויף די איבריגע — 1.20 היינט און ווייטערע טעג.

די בענייאונג פון מעלטיגסטען פוילישען פילם איבער פילמען. פילם, וועלכער בעקעמפט דעם האנדעל מיט לעבעדיגער סחורה!

SZLAKIEM HAŃBY

(איז די נעגעל פון הענדלער מיט פרויען)

ריהרענדע דראמא פון זיטען־לעבען, געווידמעט די טויזענדער געשענדעטע.

אין דער הויפט־ראלע: ז. באטיצקא מ. מאליצקא, סאמבארסקי אא.

אויף דער סצענע: גרויסע הומארפולע רעוויו א. ס.

ZGUBIŁEM SERCE

הויפט־נומערען: פאסטוכעס—טאנץ—קאמינסקא־ציזוינסקי. פלארעק—סקעטש ארלינסקי־לעוואנאוויטש. מאטארען־טענץ—קאמינסקא־ציזוינסקי. כ'האב פערלוי־רען דאס הארץ—לעוואנאוויטש, קאמינסקא, ציזוינסקי, ארלינסקי און די

לעצטע נאכט־אויפטריטט פון **לעא פוקס** אין אנדערע פראגראם.

נאוואשצי — היינט!

אלעע 12. לעצטער סעאנס 9-30 אווענד.

היינט און ווייטערע טעג. עקראן און סצענע צוזאמען!

אימפאנירענדע ווידיע פון לאדזער לעבען, לויט ריימאנט'ס ערצעהלונג

ZIEMIA OBIECANA

אין דער הויפט־ראלע: די קעניגען פון פוילישען עקראן: י. סמאסארסקא, יונאשא־סטעפאווסקי, גורטשינסקי, גארטשינסקא א. א.

אויף דער סצענע: ערשטקלאסיגער אנסאמבל אונטער דער לייטונג פון קאנקורענצלאזען קאמיקער א. קאטשאראווסקי

BAWMY SIĘ RAZEM עס ווערען געזונגען די רע־וויו פול הומאר און געזאנג